STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10926

OYFN VEG...

Baruch Hager

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויפן וועג...

ברוך האגער

אויפֿן וועג...

געקליבענע חסידישע סקיצן

פֿאַרלאַג בכורים
בוקארשט 1946

נאכדרוקן איינגאנצן אָדער פראַגמענטאַריש אָן
דער הסכמה פונם מחבר, שטרענגס פאַרבאָטן.

די תקופה אין חסידישן לעבן, וועלכע איך פּרוּוו דורך דעם גרעסערן טייל פון מיינע סקיצן באַלייכטן, איז דער באַגין פון דעקאַדענץ. דאָס איז שוין ניט מער יענע געהויבענע צייט פון געניאַלער אימאַגינאַציע, פון נשמה־יתירהדיקער געלייטערטקייט. דער אַטמאָספער איז אַן אָפּגעקילטער, דער טעמפּעראַמענט אַן אָפּגעזעצטער. די זון באַקרוינט ניט פון דער נאָענט די ערד, און אירע מליצים, די צדיקים, פליען שוין ניט ווי די אָדלערס, צו די העכסטע הימלען, זינגענדיק דאָרט שירה, מיט די מלאכים גלייך.

פאַרביי איז די צייט, וואָס די טויערן פאַרן כסא־הכבוד זיינען פאַר זיי געשטאַנען ווייט אויפגעשפּאַרט, צו קענען, ווען ס'איז ניט איז, מליץ זיין אויפן כלל ישראל.

וואָכעדיק, פון אַ ווינקעלע, שיינט דאָס ליכט. די כוחות פון די פורשפּרעכערס, פון די צדיקים, זיינען אָפּגעשוואַכט, גרייכן ניט מער אויף אַזויפיל, צו קענען, ברייט, מיט פולע הענט, משפיע זיין. אויפן יחיד און אויך אויף זיינע פּשטותדיקע באַדערפענישן מוזן זיי איצט איינגאַנצן די כוחות אָנווענדן!

זאָרג פאַר דעם אָרום, ממשותדיקייט ציט, ווי אייזנס צום ערד, און ווי פרק דערציילט אונז: „פארן שמעק טאַבעקע" קענען זיי מיט די רעגנער די הימלען ניט שטורמען.

ר' מענדעלי קאָסעווער באַרעט זיך מיטן גביר, גובר צו זיין ביי אים די תאוה צו געלט.

ר' חיים קאָסעווער שלאָפט ניט אַ לאַנגע ווינטערנאַכט, ווייל אַ ייד בלאָנזשעט מיט אַ גזלן אין וואַלד.

און ר' יחזקאלי שינעווער, כאָטשי ער שרייט אין איין אָטעם: „איך גלויב ניט! (ער גלויבט ניט אַז יידן זאָלן קענען זיין זונדיק) הערט ניט אויף בויערן דעם מוח זוכענדיק המצאות, „מ'זאָל חלילה ניט פאַרפאַלן ווערן"...

— די סיבה, וואָס האָט מיך לכתחילה צו די דאָזיקע אויפ־צייכנונגען אָנגערייצט, איז געקומען פון דעם ווונש כאָטש מיטן דמיון צו אַנטלויפן פון דער געשפּענסטישער ווירקליכקייט אין אונ־זער טראַנסניסטרישן אומקום.

דאָס אַליין וואָלט אָבער די קראַפט ניט געהאַט צו קענען מיך אויפטרייסלען פון די הינער־פּלעט, וועלכע האָט דאַמאָלס אונז גע־האַלטן אין אירע נעצן פאַרפלאָנטעט.

אויפטרעמאָסעט, אויפגעוועקט האָט מיך גאָר אַן אַנדער איבערלעבעניש:

צווישן די הונדערטער טויזנטער יידישע קרבנות, וועלכע זיינען געטריבן געוואָרן אין טראַנסניסטרישן גלות, צום ציל-ברעט פון טויט און פאַרניכטונג, האָבן זיך באַזונדערס אויסגעטיילט גרופן פון פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלטן אין פאַרצייטישע שבת יום-טוב-דיקע מלבושים.

דאָס זיינען געווען חסידים און רבנים, וואָס זיינען אַזוי פּליצלינג פאַרכאַפּט געוואָרן, אַז זיי האָבן שוין קיין צייט ניט געפונען דעם שבת אויפן אינדערוואָכן צו פאַרבייטן.

פאַרגעסנדיק זיך אויף אויגנבליקן ביי וואָס ס'האַלט, האָט מען געקאָנט גלויבן אַז דאָס גייען יידן, ווי אין אַלטע גוטע צייטן, אויף אַ חתונה אָדער אויף אַן אַנדערער יידישער שמחה.

שוידערליך און פאַנטאַסטיש האָט דער אַנבליק געווירקט! און ווי אַ לעצטער ווונק, ווי דער אויפשטראַל ביים זון-פאַרגאַנג האָבן זייערע פרומע, געפייניקטע צורות אַ לעצט מאָל אויפגעשיינט.

און נאָכדעם, וואָס די קאָסע פון דער מגפה איז פונם שניידן און פאַרשניידן מיד און שטומפּיק געוואָרן און מיט דער אַרבייט אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט, האָט זיך אָנגעהויבן באַמערקן אַז פון זיי, פון די דערמאַנטע, לעגענדאַרע דערשיינונגען, איז כמעט קיין זכר ניט פאַרבליבן.

זייער פאַרניכטונג איז געווען א פולשטענדיקע! און אַז

איינצעלנע האָבן נאָך, ווי פליגן מיט אויסגעריסענע פליגל׳ געפלאָנטעט אויף דער ערד — זיינען זיי אינגאַנצן ניט געווען צודערקענען: אַוועק איז דער הדרת־פנים! פאַרשווונדן דער צלם אלקים! זייערע פנימער זיינען לעכעריק, ווי פון ווערים צופרעסן, די שיינע צוואַקסענע בערד — פאַרקאַלטעוועטע לאז קנוילן און זייערע מלכותדיקע בגדים, פאַרביטן אויף צוריסענע און פאַרווארלאָזטע שמאַטעס און זעק.

און אָט די איינגעגאַנגענע׳ פון דער ערד פאַרטיליקטע, זיינען געווען די לעצטע פאַרבליבענע ליכט־טרעגער פון דער חסידישער אידעע און מיט זיי צוזאַמען זיינען די לעצטע פונקען פונם חסידישן התלהבות פאַרלאָשן געוואָרן.

זיי צום אַנדענק, זאָל דער טיפער זין, דער תיקון פון זייער לעבן ביי אונז קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן!

ב׳ ה׳

אויפן וועג

דער שם פון ר׳ וועלוואלע טשענאָסטרער האָט זיך פאַרצייטנס צעטראָגן איבער דער גאַנצער חסידישער וועלט און איז פאַרגאַנגען ביז צום קליינעם גאַליצישן שטעטל, קאָסאוו.

דערהערט דאָרט, ר׳ מענדאלע, אַ יונגערמאַן, אַ בית־המדרשניק, די וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס פאַרשפרייטן זיך וועגן דעם צדיק און ס׳פאַרכאַפּט אים אַ מסוכנער באַגער, זיך צו באַקענען מיט אים.

די משפחה איז מיט זיין רצון נישט מסכים, קאָסאוו איז ווייט פון טשענאָסטער—הונדערטער מיילן. און אַזאַ נסיעה איז מיט סכנות־נפשות. ס׳העלפן, אָבער, קיין טענות ניט, קיין שום זאַך קען אים דערפון ניט אָפּהאַלטן. און אין אַ טאָג האָט זיך ר׳ מענדאלע צו־געגרייט און געלאָזט אין וויטן וועג אַריין.

נאָך טעג, אונטערוועגס זיין, פאָרט אונטער אַ יידישער גביר, אויף אַ טייערער בריטשקע, מיט פייעריקע פערד. ווי ער דערזעט נאָר דעם יונגנמאַן, מיטן שווערן בינטל אויף דער פּלייצע, שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט וווהין זיין וועג פירט ; ר׳ מענדעלע דער־ציילט אים.

אויב אַזוי, זאָגט דער יוד, קאָן ער זיך אויפזעצן און מיט אים אינאיינעם ווייטער פאָרן. זיין וועג איז דער אייגענער.

צוריק, אפילו, קען ער אים אויך מיטנעמען, ווייל ער קומט כסדר אַהין, צוליב מסחרים. ניין, ער פאָרט ניט, צופוס צו גיין האָט ער זיך פאַרגענומען.

דער גביר האָט אויף אים מיט ביטול אַ קוק געטאָן, דעם אַנטריי־בער אַ ווונק געגעבן און איז ווייטער געפאָרן.

ר' מענדעלען איז אַ געדאַנק דורכגעגאַנגען: אַ ייד פאָרט כסדר קיין משענאָסטרע און ניט צום רבין — מסחרים האָט ער גאָר דאָרט, וואָס איז זיין תיקון?

דער גביר פאָרט אָפּ אַ שטיק וועג און שטעלט זיך ווידער אָפּ; ס'לאָזט אים ניט איינרוען: וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרשוין, אַז נאָר צופוס וויל ער גיין? אפשר האָט ער פאַריבל, פאַרוואָס ער האָט ניט געפרעגט, צי ס'פעלט אים נישט צדה־לדרך? און ער וואַרט צו.

אַז דער יונגערמאַן דערנענטערט זיך, פרעגט דער ייד: „אפשר פעלט אייך עפּעס געלד, צי אַנדערע הצטרכותן, אויב איר פאָרט מיט מיר וועל איך אייך אויסהאַלטן דעם גאַנצן וועג אויף מיינע הוצאות".

„חלילה וחס — ר' מענדעלע באַדאַרף ניט, ס'פעלט אים גאָר ניט אויס, ער פאָרט נישט — עולה רגל זיין וויל ער!"

דאָס איז שוין גאָר משונה, טראַכט דער גביר, צוואָס אויסמוטשען

די פיס. וואַכנלאַנג זיך אָפּמאַטערן אומזיסט און אומנישט. אַ משוגעת׳ אָסור לרחם! — און מיט פאַרדרוס הייסט ער ווייטער טרייבן.

ר׳ מענדעלעס געדאַנק: מיט וואָס איז ער אַזאַ תקיף ביי זיך, וואָס פאַר אַ פאַרזיכערונג איז אַזוינס עשירות, און אַז מען פאַלט אַראָפּ, חלילה, וואָס האָט ער זיך צוגעגרייט?״

דעם סוחר לאָזט עס אויפן וואָגן ניט איינזיצן. דער יונגער־מאַן גייט אים פון זין ניט אַרויס: אַן איידלער איז ער, אַן אויס־געבלייכטער, מיט אַ פאַרחלומט פּנים און דאָס נעימותדיקע קול זיינס נעמט די נשמה אַדורך.

אַ ייִד גייט צופוס צו אַ רבין, אין וועמענס מקום ער קומט שוין יאָרן לאַנג און אים אליין איז נאָך, קיינמאָל ניט אויף דער מחשבה געקומען, זיך אַמאָל צו באַווייזן פאַר דעם צדיק!

ס׳רודערט אים דער געדאַנק! ייִדן זיינען זיך מוסר נפש, לויפן נאָך זכותים, נאָך ישועות, צו רבים, און ער?... אים האָט נאָך ביז אַ־צינד גאָרניט געפעלט; ער האָט זיך נאָך ביז היינט אין קיין שום בקשה ניט גענויטיקט, איז וואָס־זשע? מיט וואָס איז ער פאַרזי־כערט אויף ווייטער?

דער סוחר שטעלט זיך ווידער אָפּ און אַז דער וואַנדערער איז נאָך אַ צייט, ווידער אונטערגעקומען, שפּרינגט דער ייִד אַראָפּ פון דער בריטשקע און טענעט מיט אַן אויסרייד: יונגערמאַן, ס׳איז מיר זער סמוטנע דעם לאַנגן וועג אַליין צו פאַרברענגען; אַז באַצאָלטס איז ביי אייך קיין חשובות ניט, טוט אַזוי צוליב, קיין עונש וועט איר דאָך דערפאַר, חלילה ניט האָבן.

ער מוז צופוס גיין, ענטפערט יענער קורץ, און פארנעמט זיך מיט אַ זייטיקן וועג.

ר' מענדעלע איז דער גביר געפעלן געוואָרן. תמימות האָט ער אויף אים דערקענט. ער וואָלט וועלן אים אויף עפּיס אַראָפּברענגען, די תאווה צו געלד ביי אים אָפּשוואַכן, דעם ניצוץ פון מסירת נפש אין אים דערוועקן.

דעם ייד גייט דער וועג ניט, ס'פּאָרט זיך ניט. דער יונגער-מאַן האָט אים פאַרכשופט.

דעם צווייטן טאָג שוין האָט זיך דער וואַנדערער מער ניט באַוויזן. דער גביר איז שוין דעם וועג צוריק געפאָרן, אים געזוכט און ניט געקאָנט געפונען.

אַ אומרו, אַ מורא הענגט איבער אים. ס'האַרץ איז אים שווער, אַ געפיל קען ער פון זיך ניט פאַרשטויסן. ס'דוכט זיך אים, אַז פון איצט אָן ליגט זיין גאַנצער גורל ביי יענעם אין די הענט. פון דער אַנדערער זייט באַטראַכט, איז אים די מעשה ביז גאָר פאַרדריסיק צו וואָס האָט ער זיך גאָר אַריינגעלאָזט אין אַזוינע מיני מחשבות, טעג שוין דערמיט זיך פאַרלוירן. ווי געשיקט עס זיך פאַר אים? איז ער דען אַ פועל בטל, צו איז ביי אים דער דעת ניט אויפן אָרט?

אַזוינע געדאַנקען אָבער קענען זיין אומרו ניט מבטל זיין. א פיבער, אַ בענקשאַפט צו דעם וווּנדערליכן מענטש איז אין אים געוואַקסן פון שעה צו שעה.

אויפן דריטן טאָג, צו מאָרגענס, איז דער יונגערמאַן, פאר אים פליצים אויסגעוואקסן. דער ייד איז מלא שמחה און בעט זיך ווידער ביי אים מיט תחנונים: ער איז גרייט, א גרויסן סכום אויף צדקה מנדר צו זיין, אַבי זיי זאָלן אינאיינעם ווייטער פאָרן.

ר' מענדעלע: אויב אזוי, אז ס'גייט אים טאקי אזוי שטארק דרינען, קען ער אים צוליב טאָן — נאָר מיט א באדינג: די העלפט פון זיין גאַנץ פאַרמעגן זאָל ער אים דערפאַר אָפּטיילן — קיין פרטים וועט ער אים ניט זאָגן. ער דארף עס פאר א נויטיקן, פארבארגענעם ענין.

„אזוי גאָר! דאָס איז זיין גאַנצער מיין געווען? דער גביר איז א-ריין אין אזא כעס, נאָר וואָס ער האָט דעם יונגענמאַן נישט גע-פאטשט, צוריק ארויף איז ער אויפן וואָגן און אוועק.

ניט ווייט געפאָרן, שפרינגט ער ווידער אראָפּ און שפאנט לעבן די רעדער צו פוס.

„וואָס פאר א יושר איז דאָס? נאָר א אָנשיקעניש אויף אים!

— ווער איז דער פארשוין? — א מאָדנע צורה. פון זיין בליק ווערט איינעם דאָס הארץ פארקראמפט.

שווארצע כמארעס זיינען אים מיט אמאָל באפאלן, אנגסטן האָבן אים באשלאָגן — אפשר א נסיון גאָר? ווער ווייסט וואָס פאר א פריוו ס'שטייען פאר אים?

טאָמער איז אים, חלילה-וחס, באשטימט פון זיין מצב אראָפּצופאלן?

אפשר איז דער וואנדערער א שליח גאָר? מ'האָט שוין אזוינס אויך געהערט: צדיקים באהאלטן אמאָל, גרויסע עשירות פון יידן, וואָס האָבן די זכיה, און אין אן עת צרה געבן זיי דאָס צוריק מיט מעשׂר.

דער הימל איז דערווייל פארצויגן געוואָרן. דער שטורם און די דונערט הויבן די ערד פון די אַקסן. די רעגענס פארגיסן און קערן איבער דעם וועג. דער וואָגן און די פערד פארזונקען אין שליים און קענען ווייטער פונם אָרט ניט רירן.

דעם עושר איז טונקל און פינסטער פאר די אויגן. דורך און דורך אויסגעווייקט און איינגעשרומפן זיצט ער אונטער דער בויד פון זיין בריטשקע און ס'קומט אים פאָר:..

ער איז א יורד, אן אָרימאן, וואָס וואנדערט און וואָגלט שוין יאָרן לאנג, פון אָרט צו אָרט און זאמלט נדבות, די גאנצע צייט זוכט ער דעם יונגענמאן פון יענעם פארצויבערטן וועג, ווען ער האָט א העלפט פון זיין פארמעגן אוועקגעגעבן, ער זאָל עס אים באהיטן. פון לאנד צו לאנד ציט ער, פון שטאָט צו שטאָט פרעגט ער זיך נאָך און קען אים ניט אויסגעפונען.

דאָ, ניט לאנג ערשט, דערוויסט ער זיך, אז דאָס איז דער גרויסער צדיק, ר' מענדעלע קאָסעווער, דער ממלא מקומו פון ר' וועלוואלע טשענאָסטוער.

— — — דער גביר איז דערוואכט און פאר אימה, האָט מיט אים געוואָרפן ווי אין פיבער.

דער הימל איז שט־לער און די פערד ציען. שטאַטערלעך,
וווּטער. דער ערשטער געדאַנק זײַנער: ווי איז ער, ווי נעמט מען
אים אצינד? איין ווונש דערפילט אים בלויז: ער זאָל נאָך זוכה
זיין, אים צו זען באַשיינפערליך.

ווידער הייסט ער שטיין בלייבן און ניט רירן פונם אָרט.

און אויפן דריטן טאָג, ווי פונם הימל אראָפגעשוועבט, באַווייזט זיך
ר׳ מענדעלע.

ווי דער גביר אבער דערזעט אים נאָר, ווערט ער פעסטער
ביי זיך. דאָס התפעלות זיינס האט זיך אפגעשוואַכט. ער קאָן זיך
ניט מנצח זיין און פּריוועט נאָך מיט הנחות: „ס׳טייטש, טענעט ער,
ווער טוט נאָך אזוינס? מעט וועס דאָך, נאָר לאַכן פון אים — פיי-
נען ער איז פונם זינען אראָפּ“. — אבער ניט צו פועלן!
ר׳ מענדעלע לאָזט מיט זיך ניט האַנדלען. דער ייד פּריוועט אלץ:
א פערטל איז ער גרייט, נאָר טאַקע אײַנגאַנצן, פונקט אזויפיל!
ביידע גייען נעבן דער בריטשקע צופוס; דער גביר דינגט זיך
עקשנותדיק; און אַזוי פאַרגייט כמעט דער גאַנצער וועג.
און שוין גאָר נאָענט פאַר טשענאַסטרע ווערט ערשט דער מקח
געמאַכט:
דער ייד איז זיך מתחייב, ר׳ מענדעלען אבצוטיילן א העלפט פון
זיין גאַנץ פאַרמעגן, כדי מיט אים אינאיינעם קיין טשענאַסטרע
אַריינצופאָרן. —

אין אַ נאַכט

אין דרויסן ברענט דער פראָסט און קנאַקט אונטער די טריט. די שטוב איז אויסגעפרוירן, דאָס וועקסענע ליכטל אין דער מעשע־נער העסע קורעט און בויגט זיך צור טיף.

צו ר׳ חיים׳ן נעמט זיך קיין שלאָף ניט. אין ווייסן שפּענצער׳ די באָרד און פּאות צופּלאשעט, דעם קאָפּ אויף אַ האַנט אָנגעשטיצט, שאַרט ער אין גרויסע פּאַנטאָפּל איבערן חדר הין און צוריק. האָר־באַטע שאָטנס אַויף די ווענט לויפן אים נאָך — ווינקן אים אַ קעגן.

פונם אַלמער האָט ער שוין איבער אַ העלפט פון די ספרים אויפן טיש אַרויסגעלייגט, ווארפט אַ בליק באַלד אין דעם, באַלד אין יענעם ספר און קלאַפּט ווידער צו. עזריאלן, זיין משמש, גיט ער אויך קיין רו ניט. וועקט אים אַלץ פונם שלאָף און לאָזט אים זיך צוהערן צי שטייט ניט עמיץ פאַר דער דרויסנטיר.

אַז ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, יאָוועט זיך אַריין אַ ייד. דאָס פּנים באַוואָקסן מיט סטראָמפּאַליעס און אין גאַנצן אַ שטיק אייז.

ר׳ חיים אויפגעבראַכט:

„שלום עליכם" אַ ייִד. ווי אַזוי פֿאָרט מען עס, אַ גרויסע ווינטער נאַכט, פֿון זשעבזשע קיין קאָסאָוו, דריי מײַלן וועגס? —

דער פֿאַרשוין האָט זיך נעכטן פֿאַרנאַכט, צופֿוס, אויפֿן וועג אַהער געלאָזט, פֿאָרט אונטער אַ פּויער און נעמט אים צו זיך, אויפֿן שליטן. דער ערל איז פֿאַרפֿאָרן אין אַ וואַלד אַרײַן און געבלאָנדזשעט אַ גאַנצע נאַכט. פֿאַר קעלט און שרעק איז דער ייִד שיִעור ניט אומגעקומען.

אַ נס פֿונעם הימל, וואָס ער איז ניצול געוואָרן!

„ווערן מיר שוין געוויר, ווער און וואָס פֿאַר אַ בעל־עגלה דאָס איז געווען! באַפֿעלט אים ר׳ חיים.

דער אורח קריוודעט זיך: ער איז פֿאַרפֿרוירן, קאָן מיט קיין אבר ניט רירן, און אַ חוץ דעם, ווי אַזוי וועט ער אים דערקענען, צווישן הונדערטער פּויערים אויפֿן יריד?

ניט אָבער ר׳ חיים לאָזט מיט זיך טענען!

נאָך אַ גוזמא צייט יאָגט דער ייִד אָן, פֿאַרבלייכנעט, פֿאַרציטערט און קלאַפּנדיק אַ צאָן אין א צאָן פֿאַר שרעק.

דער גוי האָט פֿאַר צוואַנציק יאָר א מענטשען געהרגעט און איז דאָ ניט לאַנג פֿון דער תּפֿיסה אַנטלאָפֿן.

ר׳ חיים שמייכלענדיק:

„דורך אייך שוטים קאָן איך אפֿילו בײַנאַכט קיין רו ניט האָבן!"

#ביים טיש

אַ וואָך צייט לויפן טאָג-טעגליך דעפּעשען צום „צמח" מיט דער בקשה: — רחמים פאַר צבי-דוד בן האָדל!

צבי-דוד איז אונטערוועגס צו זיין רבין פלוצים מסוכן פאַרשלאָפט געוואָרן. פון פרייטאָג פרי אָן זיינען קיין ידיעות מער ניט געקומען. פאַר ליכט צינדן האט עמעץ פון די מקורבים דעם חולה ביים רבין מזכיר געווען. ער האט בלויז אַ טיפן קרעכץ געטאָן און זיך מיט אַ געביטענער מינע אפּגעווענדט.

די קלויז הודעט, ברומט. דער „צמח" יאגט, מיטן גראבן סדור אין דער האַנט, צווישן צונויפגעדושעטע ווארעמע יידן, אויף און אפּ: אין דער טייטשענדיקער ניגון זיינער פון „הודו..." עק-בערט, צושרויפט.

אַ פורכט, אַ מוראדיקער געדאַנק דרוקט, ווי בליי אויף די גע-מיטער.

ביים טיש זיצט דער „צמח" שטאַרק פאַרטראַגן, דאָס שטראַמל

איז ביי אים פאַריקט אַרויף און דער ברייטער, פייערדיקער שטערן פאַרזונקען אין זיינע דורכזיכטיקע הענט.

תנועלעך, נאָגענדיקע, גיסן זיך ביי אים, ווי פון אַ שפּרודעלדיקן קוואַל און ציען ביים עולם דעם מאַרך אויס.

פּלוצים טוט ער אַ בלינזל מיט די אויגן און ברומט פאַר'צער'ט אין זיך:

או — שוין נישטאָ? —

ווער? — פרעגט דאָס אייניקל, אַ קליין יינגעלע, וואָס זיצט נעבן זיין שטיל.

ער — צבי דוד בן האָדל, ווייזט דער רבי, טייטלענדיק איבער זיין קעפּל.

דאָס אייניקל מיט אויפגעריסענע אייגעלעך, פאַרווונדערט, דערשטוינט:

פון וואַנען ווייסט דאָס דער זיידע? —

פון וואַנען איך ווייס? —

אָט איז ער דאָך די רגע אונטער דיר געשטאַנען!

דאָס קינד האָט מיט זיך אַ וואָרף געטאָן און איז פאַר פּחד שיר אויסן געבליבן.

דער אַלטער באַרויקט עס, צערטלענדיק עס איבער די בעקלעך:

„שרעק זיך ניט, קינד מיינס!‟

„איבער הונדערט יאָר זוכט די נשמה זכותים, זי זיכט אפילו דאָס מקום אָפּ, אויף וועלכן זי האָט בלויז אַמאָל אַ הרהור תשובה געהאַט.

דער בן יחיד

בלייערנע שטיקער וואָלקנס הענגען איבער די דעכער און גיסן פון זיך אויס די לעצטע פאַרגליווערטע טראָפּנס רעגן. דער טשערעמוש זידט, —ס'קאָכט אין אים אַ גיהנום, —דאָס געהייל פון לייבן ברומט פון אים אַרויס. כוואַליעס, וואָס זיינען אַ גאַנצע וואָך פונם הימל געפאַלן האָבן אים אָנגעפילט און צעשפרייט, ווי דעם ים,

אַ העלפט פון וויזשניץ שווימט אין אַ מבול!

שטיבער, בהמות און צובראָכענע כלים טרענקען זיך.

אויף צוריסענע ספלאַוועס, געהילצן, פריוון מענטשן זיך ראַטעווען, דערשלאָגן צום ברעג.

מחנות טומלען זיך איבער די גאַסן, אַרויף צום רבישן הויף.

אין פראָווע-שטוב, ביי דער זייט פונם פאָטערס, פאַריתומטער שטול, — אויף אַ פשוט בענקל — זיצט ר' ברוך'ל, דעם הויכן צאַריט געפאַלטעוועטן שטערן אויף דער האַנט אָנגעלענט,

איבער דעפעשעס און קוויטלעך—בקשות, נאָך פון פאַר זיין פאָטערס פטירה. —פון זיין לאַנגן, פלאַמענדיקן בארשטין, קייקלען זיך דיקע שלאַנגען אַרום די טרויעריקע, אומעטיקע ווענט און הילן אים איין אין שווימענדיקע, גרויע כמאַרעס.

ר׳ ברוכלס מחשבות צייליען זיך ווי פאַרפלאָנטערטע פעדים:

דער מנהיג מוז קודם-כל זיין אַ בעל כוח, דער מנהיג מוז אין זיך פולל זיין אלע מדרגות פונם דור—סיי אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שיכות צום רחניות, ווי אויך אַזעלכע, וואָס קערן זיך אָן מיט גשמיות.—

ווו נעמט מען אַזוי פיל אכזריות אין זיך, איבערצוטראָגן יידישן צער ? —

ער קאָן ניט פאַרליידן ! ס׳נעמט ביי אים דאָס חיות צו. —

דער פאָטער זיינער ז״ל איז געווען אַ גבר-אלים, ברייטע פלייצעס געהאַט, געקאָנט טראָגן און איבערטראָגן.

דער פאָטער האָט מיט זיך די שפע אויף פאַרנומען, — אין דער נאַכט, וואָס מ׳האָט אים מקבר געווען איז דער מבול געקומען.

ר׳ ברוכל איז געווען אַ בן יחיד, אַ געציטערטער. ר׳ מענדעלע האָט אים געהיט, ווי די דאָס עפּעלע פונם אויג, אַ קאַלט ווינטאלע זאָל אויף אים ניט בלאָזן. בעתן פראַווען האָט ער זיך ביי אים ניט געטאָרט געפונען. דער עסק איז ניט פאַר אים, — פלעגט ר׳ מענדעלע זיך אויסרעדן. זיין נפש פאַרטראָגט ניט דעם וואָכענדיקן ענין. ער איז פאַר גאָר עפּעס אַנדערש אָנגעגרייט

איבער הונדערט יאָר וועט מען ביי אים דאַרפן גיין אין גאָר אַן אַנדער חדר.

— — — חסידים, אָרטיגע און פרעמדע, זיינען אַגאַנצע וואָך איבער אים געלאָפן, געבעטן, געחלשט, ער זאָל זייערע קוויטלעך, פדיונות צונעמען.

ער אָבער, זיצט פאַרטראָגן, פאַרמוחט, ענטפערט ניט — שווייגט.
פון טאָג צו טאָג גייט ער איין און זיין צורה ווייסלט זיך.
בערל, דער מקורב, טרעט די גאַנצע צייט ניט אָפּ און וואַכט איבער אים, ווי איבער אַ קראַנקן.

ר׳ מענדעלעס השתלקות איז אומגערעכט געקומען.
ר׳ ברוכל איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן — און וועגן שעבוד צו חסידים וואָס אַ רבי בעדאַרף אויף זיך נעמען, האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט טראַכטן, — דעם ענין ביז אַצינד אויפן געדאַנק ניט דערלאָזט.

אין גאַנצן איז ער מלא פנימיות, זיין אהבה צו מענטשן, — אַ טיף פאַרבאָרגענע.

התעוררות — איז דער יסוד עולמות !
התעוררות מאַכט ביי אים מער אויס פון מעשים. די הכנות צום אתרוג זיינען ביי אים שווערער פון דער גאַנצער עבודה, אין ימים נוראים. דער ערוב שטעט ביי אים העכער פונם יום טוב גופא.

— — — און דאָ איז ער געשטאַנען מיט זיין וועלט אליין, פרעמד צווישן גאַנצן עולם.

ס׳זשומעט, ס׳רעשט! קולות יאָגן זיך פלוצים ווי אין א בהלה, איבערן הויף.

בערל, איבערגעראַשט, פאַרביטן, גיט זיך מיט אימפעט אַ לאָז צום טיש און זעצט מיט די פויסטן, ווי אין אַ פויק. זיינע שטעכיקע אויגן לויפן געשווינד צווישן די וויעס, דאָס שוואַרצע בערדל מיט ווייסע פעדים דורכגעמישט איז ביי אים פאַרשפּיצט אַרויף, די קאַלעכבלייכע נאָז קאַנטיק, ווי אַ שאַרף.

„רבי ! צושרייט ער זיך מיט אַנגעצונדענעם כעס — איר שווייגט! יידן זיינען אין אַזאַ עת צרה און איך באַנעמט עס ניט ? מיר וועלן עס דען דערלאָזן ?!

ר׳ ברוכל האָט זיך פאַר שרעק, אַ זייטל געטאָן און זיינע פייכטע, סאַמעטענע אויגן האָבן געבלאָנזשעט צוטראָגן צווישן די געקרייזעלטע רויעך-וועלקאלעך.

די קולות גייען אַלץ העכער און עזותדיקער, טראָגן אונטער דאָס גאַנצע הויז. און אויף אַמאָל ווערן די טירן צור פראַוועשטוב אומגעשליידערט.

— — — יידן רייסן זיך ביי באָרד און פאות און זייער קלאָג, זייערע געוויינען שלאָגן זיך, ווי דונערן אין דער לופט צונויף : ס׳איז נאָך אפילו קיין וואָך ניט איבער געגאַנגען, זייט אייער הייליקער פאָטער האָט אונז פאַרלאָזט, און שוין אַזאַ חשכות...

ר׳ ברוכל שטייט געביקט, ווי אַ שולדיקער, די שמאָלע פו-

כעקע הענט אין גראָבן גאַרטל פאַרקלעמט און דאָס פּנים זיינס איז אַ פלאַם-פייער.

ס'איז שטיל, מ'וואַגט ניט דעם דעך לויט צוציען. נאָר דער זייגער אויף דער וואַנט איז סמעלעווע, די גלייכמעסיקע קלאַפּ פון זיין אומרו טראָגן זיך ווי אַ ווארנונג און ווי אַ אָנזאָג...

צאַפּלענגיק, פאַרנעמט זיך ר' ברוכל אויף זיין ווייך, בראָדע-ריש קול:

רבותי! צו מיינע זיידעס זיינען יידן געפאָרן נאָך רוחניות און זיי האָבן משפיע געווען ביידע וועלטן, גרייכן האָבן זיי גע-קאנט אפילו דאָס טעלערל פונם הימל. ביי מיין טאַטן ז"ל איז שוין געווען עפּעס אַנדערש, האָט ער אָבער מיט איין קאַפּיטל תהילים געקאנט אויפרייסן די שערי רחמים און מיט זיינע תפילות צעברעכן די הימלען.

איך אָבער האָב קיין כח ניט! יידישע צרות, יידישע זאָרג וואַרפן מיך פון די פיס."

בערל האט אונטערגעטאַנצט און די צושפּרייטע הענד פון זיך א ווארף געטאן:

„יידן וואס לאזט איר אייך?

„וואס שווייגט איר?

רננו צדיקים!!!

ווי פון א שטורם האט עס מיטן עולם רודער אַ געטון. א געזאנג

האט זיך דערהויבן און געוויגט די ווענט. הענט האָבן זיך פאַר־פלאָכטן צו אַ גרויסער קייט.

— — — און ר׳ ברוכל איז פּלוצים געזעסן אויף דער כסא פון זיינע אבות, אַ פאַרלוירענער, ווי אַ פאַרמשפּטער צו גרויס שטראָף.

די עקרה

ר׳ מאָטאלע טשינאָבלער איז באַוווסט געווען פאַר דעם רבין, וואָס פלעג זיינע חסידים אויסזאָגן, די לעצטע מטבעה פון זיי ארויסרייסן.

אַז מען האָט אים אַמאָל פאַרבעטן אין אַ מקום ערגיץ, פלעגט ער פון דאָרט ניט ארויספאָרן, ביז וואַנען ער האָט ניט פאַרנומען, א-חוץ מטמונים גאָלד, די לעצטע זילבערנע בענטש-לייכטער ; און אַ זילבערן לעפאלע, אפילו ביים אָרעמסטן, איז ביי אים אויך געווען אַ קרן.

אַזאַ מקום איז נאָך זיין פאַרלאָזן עס, פאַרבליבן, ווי נאָך א שׂרפה. צו זיינע צייטן האָט מען אַמאָל געשאָלטן א באקאנטע, אויסגעדרופענע שטאָט מיט דער קללה : ר׳ מאָטאלע זאָל אויף איר אַראָפפאַלן.

חסידים האָבן דעם ענין פאַרשטאַנען, געוווּסט, אַז די כּונה פונם רבין איז געווען, מיטן נסיון, פונם בעל מבוקש, זיין מקטרג מבטל צו זיין

אַ חוץ דעם האָבן זיי נאָך געוווסט, אַז זייער רבי איז ממונה, מיט די געלדער די ל״ו צדיקים צו שפּייזן, און אין דעם זכות איז זיין כח נעווען גרויס ביז גאָר, משפיע צו זיין.

ביז וואַרעמעס איז ר׳ מאָטאלע אין זיין דאַוון-שטובל ארומ-געגאנגען מיטן טלית אויפן אקסל און פון א יעדן, וואָס איז גע-קומען מיט א בקשה, פארלאנגט אַ טאָפּלטן, אָדער א דרייפאכן פדיון.

„איצט קאָסט טייער ז״ פלעגט ער טייטלען אויף זיין אקסל.

אַקלעפּעט זיך אַמאָל אין אים א אָרעמע מארק זיצערן — אן עקרה — ער זאָל איר מבטיח זיין א בן זכר. הויבט ער זי אָן, אויף זיין נוסח, צו פירן און פירן און שלעפּט ביי איר דערווייל אויס די גראָשנס.

אין א טאָג זאָגט ער צו איר אזוי: „אויב דו וועסט מיר ניט ברענ-גען ביז צו דעם און דעם זמן כך-וכך, קאָן איך דיר ניט מבטיח זיין.

די אָרעמע יידענע האָט אפילו קיין צענט-חלק דערפון ניט פאר-מאָגט. וואָס העלפט עס אבער, ביי ר׳ מאָטאלען איז ניט אפצודינגען!

און וואָס טוט א מאמע ניט פאר קינדער וועגן ?

טוט זי, וואָס זי קאָן! פארזעצט וואָס איז שוה כסף, פארקויפט דאס לעצטע, בעטלט נאָך צו — ס׳איז נאָך אלץ ניט גענוג — און ברענגט צו טראָגן.

צובייזערט ער זיך :

ניין ! — פאר אזא שיבוש קאָן ער ניט, און וואַרפט איר דאָס גאנ-
צע צוריק.

די יידענע קלאָגט : „שטייטש, ווי איז נאָך אזא אומרעכט געהערט
געוואָרן ! פון וואנען זאָל זי נעמען אזא פארמעג ?

איר מאן איז א בטלן, פארברענגט די טעג אין בית-המדרש. זי א-
ליין איז די שפייזערן, מוז מיט אירע שוואַכע כוחות דאָס זינדיקע
ביסל חיונה פארהאָרעווען. אויף ר' מאָטאלען, מאכן אָבער די דאָזיקע
טענות און געוויינען קיין שום רושם ניט.

די יידענע פאלט ביי זיך ניט, לאָזט ניט נאָך, לויפט איבער אים
און ליגט אים א יעדן טאג אין די אויערן.

ער וועט בעסער ווערן ! ס'וועט אים גאר ניט העלפן ! טרייסט זי
אן עקשנותדיקער געדאנק.

פארגייט נאָך א שטיקל צייט און זי קאָן מיט אים אלץ ניט דורכקומען.

רייסט זיך די עקרה אמאל אריין אין דאווג-שטיבל, בעת ר'
מאטאלע דרייט זיך דארט מיטן טלית אויפן אקסל ארום.

„וואס זוכסטו? מאכט ער פארוואונדערט צו איר, „דו זעסט דאך, אז
איצט איז טייער ?

נו, — איז וואזשע ? — „טאקע דערפאר בין איך דאך געקומען !
טאקי אייך אויף צו להכעיס.

„היינט וועט אייך די שפיל מער ניט גיין !

גענוג שוין חוזק געמאכט פון מיר !

אזוי, פילדערט די מארק-ויצערן אויף קולות.

ר׳ מאטאלע ווייכער און שמייכלענדיק :

נו, גוט ! זאל שוין זיין ווי דו ווילסט !

דו האסט ביי מיר היינט געפועלט ! א קלייניקייט פאהלאנג איך נאך פון דיר : דיין שטערנטיכל ברענג נאר נאך געשווינד צו מיר און שוין וועל איך דיר פארזיכערן.

די יידינע האט אויף אים אויסגעפילעט א פאר אויגן, ווי א צירייצטע חיה, און אין אריין אין אזא רציחה, אז זי איז ממש געשפרונגען אין דער לופטען.

און פארבייסנדיק מיט די ציין שרייט זי א פארצווייפלטע :

רבי ! געדענקטשזעט !

„אז איר ווילט ניט, וועט גאט אליין מוזן העלפן !

ר׳ מאטאלע, אויף א הילכיק געלעכטער :

„אויב אזוי וועסטו טאקי געהאלפן ווערן, ווייל גאט אליין קאן אויך העלפן...

פורים

זיצט ר׳ לייבוש הלוי איש הארוויץ׳ אויף זיין הויכער, אויס־גשטאקטער שטול, וואס אויף איר איז אויסגעקריצט: „על כסאו לא ישב זר״. — א צוואה פון דור דורות.

דינע קנייטשעלעך ציטערן, ווי רויטע־וועלקעלעך, אויף זיין לויטערן שטערן און א ווייסע זיידענע באָרד באהענגט זיין צורה, ווי א יום־טובדיקער פרוכת.

פון דרויסן דרינגען קולות און געזאנגען אריין.

אין טיסמעניץ איז פריילעך — ס׳איז פורים אין לאנד!

א חוץ דעם רב און זיין בית־דין שמש, יחיאל, איז א׳ן שטוב שוין קיינער ניטש פארהאנען. פונם שווערן מעשענעם הענג־לייכטער טרערן, שלעפערדיקע טראפנס פון צאנקענדיקע ליכטער אראפ. דער לאנגער, ברייטער טיש, בעלאדן מיט שלוח־מנותן פון דער גאנצער שטאט. ווייגען אין אלערליי פארבן און קאלירן פינק־

לען אין די אויגן און פאַרטשאַדען מיט זייערע שטאַרקע, פאַרשמע־

קענדיקע ריחות.

יחיאל האָט אַביסל צופיל איבער דער מאָס גענומען און באַרעט

זיך נאָך מיט זיינע לעצטע כוחות קעגן דעם „עד דלא ידע״.

ווען ניט, וואָס דער רב טאָרעט אים אַלץ אויף, וואָלט ער זיך שוין

איינגעאַנצן אונטערגעגעבן און ביים טיש א שלעפל געמאַכט.

אויף די ווענט יאָגן זיך שאָטענס, שטיפעריש, ווי אחשורוש־

שפּילער.

ר׳ ליבוש בליקט פאַרטראַכט.

אין זיין מ׳ח בלעטערן זיך: מדרשים און פרושים, פאַרצייטיקע

מנהגים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם היינטיקן טאָג.

אַך! — וואָס פאַר אַ טייערן יום-טוב ביי יידן! גאַר

פריילעך — נאָר לוסטיג זיין! און מהאי טעמא האָבן די חכמים

געבאָטן, צו טרינקן — „עד דלא ידע״.

בלייבט דאָך אַ ביסל קשה, ווי ס׳קומט?

שיכרות איז דאָך אַ מידה בזויה!

איז דער מיין אָבער אַזוי:

צו פאַרשפּאַרן פאַר דעם שטן די טירן, כדי מ׳זאָל בשום אופן ניט

קענען אַריינפאַלן אין עצבות.

פורים איז אַ מצוה און אַ מנהג ישראל, צו טרינקן און פריילעך

צו זיין!

דער מרא-דאתרא אָבער מוז שטיין ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך!

טאָמער טרעפט זיך אַ שאלה, אָדער וואָס — און זיין דמיון איז חלילה נישט...

כאָטש דערפאַר האָט ער קיין מורא נישט : משקאות קענען זיין מ'ח ניט בייקומען. אינדעסן מוז מען געהיט זיין.

ר' ליבוש קוקט פאַרלוירן אויף זיין כוס, וואָס שטייט פאַר אים : ס'איז נאָך אַלץ דער ערשטער און נאָך אפילו נישט באַרירט.

על-כל-פנים טועם זיין דאַרף מען דאָך ! כאָטש יוצא זיין !

זיינע רעיונות האָבן זיך ווידער פאַרבלאָנזשעט, פאַרגאַנגען זיינען זיי אין צייטן פון אַ סך יאָרן צוריק.

אַ פורים ביי זיין פאָטער ז"ל איז אים אויפן געדאַנק געקומען. אַזאַ שמחה, אַזאַ פרייד ! געדענקט ער שוין מער ניט. פונם טאַנצן און זינגען האָבן זיך פשוט די ווענט געהויבן. ס'איז געווען אין יענעם לעצטן זמן, וואָס ער און זיין כתה האָבן ביים פאָטער געלערנט אויף רבנות. אַ כתה פון לויטער גאונישע קעפ, חד בדרא'ס.

אין יענעם פורים איז זיין פאָטער ז"ל, גאָר געהויבן, מיט גרויס נחת רוח געזעסן ביי דער סעודה — די לעצטע פון זיין לעבן. אַ ליכטיקייט האָט זיך איבער אים צוגאָסן און אַ פריילעכקייט פון אים צושפרייט.

טרינקען און לוסטיג זיין ! הייסט ער.

ווי וואַסער האָבן זיך די ווייַנען געגאָסן און די שמחה האט זיך געטראָגן און געהויבן עד למעלה. די תלמידים, ווי פורים-שפּילערס

פאַרשטעלט, האָבן דרשות געזאָגט, וואָס פונם אויסטערלישקייט האָט מען זיך געקוילערט פאַר געלעכטער· ש"ס און פוסקים האָבן זיי, ווי קאַשע מיט מאָן, צומישט און אַזוי הודו מיט כוש צונויפ־ געפירט·

אים האָט דער פאָטער ז"ל מיט כוסות אונטערגעפילוועט, דערביי אָבער איבער די שווערע און פאַרוואַקסענע וועגן פונם פלפול געפירט, האַרבע און ניט פאַרענטפערטע קשיות פון תלמוד און מפורשים געשטעלט·

אויסגעטרונקען האָט ער דאמאלס אַ ים, אָבער קלאָר און לויטער איז זיין מ׳ח געבליבן·

און געזאָגט האָט מען אויף אים· אַז ער האָט נישט נאָר צו יע־ דער זאַך געענטפערט, נאָר אויך חרופותדיקע חדושים אויפגעטאָן·

"עד שלא שקעה — זרחה!" איז מיט די ווערטער דער פאָ־ טער פון דער שטול אונטערגעשפרינגען און זיך אַ לאָז געטאָן, טאַנצן מיט זיינע תלמידים·

ס׳האָט אַ צינד געטאָן און, ווי אַ פייערדיקער גאַרטעל דעם עולם אַרומגעכאַפט·

דער ריקוד האָט געדויערט אַ גוזמא און זיין פאָטער האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט טאַנצן·

פון וואַנען דער כ׳ח האָט זיך נאָך צו דעם זקן, דעם חלוש· גע־ נומען ?

אַרום און אין גאַס איז שטיל געוואָרן· פון די הייזער האָט

מען קיין שיין נישט מער געזען, און ביים רב אין שטוב איז אויך שוין טונקעל געוועזן.

ר' לייבוש איז דערוואכט; און צום שמש:

מע מעג שוין — מע מעג שוין?

יחיאל האָט פונם דרעמל זיך אַ טרייסל אויף געטאָן, די אויגן אין דער פינסטער ווייט אויפגעריסען, און ערשט דערנאָך זיך הויך צולאַכלט:

"רבי מען האָט שוין פון לאַנג געמעגט!"

ר׳ מרדכילע נאַדווערנער

איבער די מזרח גאַליצישע וועגן שאָקלט זיך אַ פֿאַרמאַכטע קאַרעטע — אַ מין לאַנדויער. זי שטייט שוין שיף איבער די אקסן און די רעדער קרעכצן און פּלאָנטען זיך אונטער איר. ס׳דערקענט זיך, אַז זי איז שוין קיין יוגנט ניט מער, אָפּגעהאָרעוועט פון דער צייט און פון שטענדיק זיין אונטערוועגס.

דרינען ז׳צט אַ ייד מיט אַ צופלאַמט פּנים, די אויגן פאַרקלעמט, מיט אַ הויכן צואַקרטן שטערן און אַ געלאָקטער שטאָלגרויער באָרד.

אַ רבי. אַ נע-ונדניק!

מע רופט אים ר׳ מרדכילע׳ דער נאַדווערנער, נאָר ער וווינט נ׳שט דאָרט.

ער וווינט אויף דער גאָרער וועלט!

כסדר וואַנדערט ער, כסדר געפונט ער זיך אונטערוועגנס.

זיין אָנקומען און זיין אָפּפאָרן איז נישט אָנגעזאָגט — נישט אויסגעזטצט, פּלוצלינג און איבעראַשיק.

אויף לאַנג זעצט ער זיך אײַנערגיץ ניט אַוועק.

„מען בעדאַרף נישט אײַנרוען אויף אַן אָרט !״

אויף דער וועלט בעדאַרף מען שפּאַנען, אַלץ ווייטער און ווייטער !״

ווו, און אין וועלכן מקום ער באַווײַזט זיך, באַפאַלן אים קינד און קייט; קראַנקע און געזונטע, יידן, וואָס בעדאַרפן ישועות און רפואות — פשוטע יידן — נישט קיין חסידים.

מען האַלט אים פאַר אַ בעל מופת.

ר׳ מרדכילע איז תמיד באַאײַלט און ווערט יעדאָך קיינמאָל ניט פאַרטיק מיט דער צייט. ער טשעפּעט די נעכט צו די טעג און פאַרקערט אויך, אָבער ס׳סטייעט אים נישט.

ער שווימט אין דער צייט, ווי אין אַ תהום :

אָן אַ סדר, אָן אַ אָבשייד.

די זמנים פון תפילה זײַנען בײַ אים גאָר אינגאַנצן צומישט, ס׳רוב פאַרשפּעטיקט, ס׳רוב נישט צו דער צייט.

שחרית בײַ נאַכט — מעריב בײַ טאָג.

״אַז איך בין אַ שלום-מולניק !״

מילא די גאַנצע וואָך—

וואָס טוט מען אָבער מיטן הייליקן שבת ?

טרעפט זיך טאַקע, ער פאַרפאָרט אַמאָל אין אַ שטעטל, ווען יידן גייען שוין פון קבלת שבת צוריק.

ער מישט זיך מיט קיינעם און מיט גאָר ניעט, — אפילו ניט מיטן בעטגעוואַנט.

אין זיין קאַרעטע פירט ער מיט זיך אַלץ מיט. און אַז ער קומט ערגיץ אָן אויף אַ שבת, ברענגט ער מיט זיך מיט אַ גרויסן טשאָלנט און איז מכבד פון זייגע שריים אַ יעדן, וואָס קומט צו זיין טיש.

ניט זעלטן, האָט ער אַליין אויך ניט וואָס צו עסן אים שבת. ווייל, אַז ער פאַרשפּעטיקט זיך צו זער, ווילל שוין קיין שום בעל-הביתטע נישט זיין טשאָלנט אין אויוון פאַרוקן.

און איינמאָל, אין אַ פרייטיק-צונאַכטס, איז געשען, אַז ר' מרדכילע האָט ביז האַלבער נאַכט נישט געקאָנט אַרויס פון זיין קאַרעטע. מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויפרייסן די פאַר-זשאַווערטע קלאַמקעס פון אירע פאַרעקשנטע טירלעך. יידן ווילן נישט מחלל שבת זיין און קיין גויעשער שלעסער איז אין שטעטל נישט פאַרהאַנען. — זיצט ער אַזוי, ווי אין שטייג, און וואַרט ביז מען וועט ברענגען אַ גויעשן בעל מ״אכה פון אַ נאָענט דאָרף.

אַ גאַנצע וואָך מוטשעט ר' מרדכילע דעם חומר, ער מאַטערט אים מיט תענתים, מיט נישט דערשלאָפן און נאָך אַנדערע פיין.

„צו וואָס האָסטו מיר געטויגט ?"

דערפאַר אָבער, איז זיין עונג שבת אין לשער !...

אינדעסן אַלץ פאַפלאָנטערט, קיין שום תפילה, קיין שום סעודה צו איר זמן, צו איר צייט, און ס'פאַרענדיקט זיך נישט פאַר זונ-טיק, שפּעט נאָך ווארעמעס.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען יאָרן. — חסידים האָבן געשוויגן, זיך
נישט וויסנדיק געמאַכט:

ווער פאַרשטייט „זייערע" דרכים?

אָבער מתנגדים!

זיי וועלן דאָס אַזוי דערלאָזן? עפּיס הפקר אַ וועלט? אַבי נאַר
אַ „רבילע" איז שוין גענוג! פּטור פון אַלעמען!

— — — און מען האָט זיך אויף אים גענומען און אָנגע־
טאָן אים געברוינטע לייד: געפּייניגט, געטריבן און געיאָגט, ווי
דעם ערגסטן.

ר' מרדכילע טענעט נעבעך זיינס:

„אַז כ'בין אַ שלום-מזלניק!!"

„אַז כ'ווער נישט פאַרטיג!

"דער אויבערשטער אַליין האָט דאָך אויך בעדאַרפט גאַנצע זעקס
טעג צו באַשאַפן דעם הייליגען שבת!"

— — — „און איך, וואָס בין איך דען?

בלויז אַ בשר ודם"...

בעלץ

די שיל אין בעלץ שטייט ווי אַ גרויסע פעסטונג פון גרייז־גרויע צייטן. איר שווערקייט ברעכט די ערד אונטער זיך. אַ רי־זיקע ברוגזע חיה, מיט פאַרגאַלדיטע הערנער, וואַרפט זי אָן אַן אימה אויף די הייזער פון דער גאַנצער שטאָדט, וואָס שטייען אַרום איר געביקט ווי אונטערטעניקע קנעכט פאַר זייער פאָרכטיגען האַר.

דרינען איז די שיל בין השמשותדיק, גרויס אויף צו פאַר־לירן זיך. די סטעליע איז אַ געוועלבטער, הויכער הימעל מיט זיל־בערנע שטערן און גרויסע גאָלדענע פייגל. אין דער הויך איבערן באַלעמער דרייט זיך עפּ׳ס זער געשווינט מיט פליגל, ווי אַ גרויזל־דיק שוויפּטשעדיק ווינטל. צוויי פאַרגאָלדעטע, שרעקלעכע לייבן האַלטן מיט זייערע גראָבע טאַצן דעם שווערן ארון־קודש צו. פון זייערע געקאָרטשעטע מאָרדעס לעכצן בלוט־דורשטיגע צונגען אַרויס, און ס׳דאכט זיך, ווען עמיץ דערנענטערט זיך אַהין, ווערט ער די רגע אויף שטיקער צעריסן.

די ווענט זענען באַמאָלן מיט תקנות און מזמורים.

ווי אויף אַ צונויפפאַר, אויף אַן אַסיפה פון אַ מלוכה זיינען היינט פאַרזאַמלט די יושבים אין דער לאַנגער שטוב. אַרום דעם גרויסן קאַלעכדיקן טיש זיצן די עלטערע, די פני, און אַרום זיי שטייען קעפ אויף קעפ די יונגעלייט, ווי אַ קייט געשלאָסן.

אַפּגעלאָזטער ווי אַלעמאָל זייען זיי אויס:

די פנים'ער צוקנייטשט, פאַרצויגן, די פאַרקאַלטעוועטע בערד איינגאַנצן צושויבערט, די ספּאָדעקעס אויף זייערע קעפּ, ווי פון אַ ווינטל פאַרבלאָזן, און די גראָבע גאַרטלען אַרום די צוכראַס-טעטע קאַפּאָטעס פאַלן פון זייערע לענדן כמעט אַראָפּ.

פון אַ שטיקל צייט אָן איז דאָ גאָרנישט רויק. דער רב פּראַוועט התבודדות. אַ חוץ די מקורבים נעמט ער קיינעם נישט צו, די פני פון די יושבים אויך נישט. פון געזעגענען, אָדער בענטשן דעם פּרעמדן עולם איז גאָר אָפּגערעט. פון צוויי טעג האָט ער זיך אפילו אין שיל נישט באַוויזן. און ווען? אין די סאמע סליחות טעג!

דער רב זאָל אַמאָל געווען פאַרפעלן אין שיל אַריין צו גיין, אַזוינס איז נאָך ניט פאָרגעקומען, אַזוינס געדענקען אפילו די זקנים נישט.

ס'געשען דאָ זאַכן, וואָס מאַכן זער באַזאָרגט!

דעם רב האָט מען שמות אונטערגעוואָרפן, ער זאָל טרעטן אויף זיי' אַ טרפה-פסול האָט ער צווישן די בלעטלעך פון זיין „זהר"

געפונען. פאַר אַ פּאָר טעג אָבער איז שוין דאָ געוועןכּלי כּל הקצין: ביי אים אין ספּאָלניע געפונט מען די מזוזות אָפּגעריסען און צו-פוסנס פון זיין בעט אנידערגעוואָרפן.

ווער האָט דאָס געקאָנט טאָן ? ווער איז דער אותו איש ? מען קען דעם מזיק נישט באַקומען, מען קען אויף אים די הענט נישט לייגן.

ר׳ שלום קאַמינקער, דער ראש — אַ קליין יידל, דעם קאָפּ אויף דער זייט, זיצט פון אויוון אָן. דאָס פאַרוויטלטע פּנים זיינס איז פון דינע קנייטשעלעך ווי אַ זיפּ, זיינע קליינע אייגעלעך פייע-ריק, שטעכעדיק, און ס׳ווייסע בערדל מיט טאַביקע ביי אים פאַר-פּראָשעט. מיט די שוואַרצע, געקייקעלטע כּמאַרעס פון זיין לאַנגן לולקע צובוק בלאָזט ער די וואונדערליכסטע מעשׂות און געשעענישן אַרויס. ער דערציילט וועגן די טויזנט נעכט, וואָס דער אַלטער רב ז״ל האָט מלחמה געפירט מיטן שׂטן. ווי אַזוי ער האָט אים אין דער לעצטער נאַכט גובר געווען; און אויף דעם אָרט, ווו דאָס איז פאָרגעקומען, איז די שיל געבויעט געוואָרן. דער שׂטן האָט זיך קודם געפרוווט מיט כּל התחבולתן צום אַלטן. אז ס׳איז אים אָ-בער נישט געלונגען, איז ער געגאַנגען אויף כ״ח. מיט דער ערד האָט ער טראַמאָסעט און זי געוואָלט, רחמנא לצלן, נאָר מחרב זיין.

ר׳ שלום האָט מיט כּעס דעם ציבוק אויפן טיש אַ שמייס געטאָן: און פון דאַמאָלס אָן האָט דער בעל דבר אַהער קיין שליטה נישט

געהאַט ! „דאָ קאָן ער קיין קיום נישט האָבן, ביי אונז וועט ער נישט מושל זיין !" —

אַז דער שעטנז געפינט זיך צווישן זיי, דווקא צווישן די יושבים אליין, וועמען פאַלט עס אויפן געדאַנק ?!

פאַרהאַנען דאָרט אַ בחור, אַ תכשיט, אַן עלוי און אַ גרויסער ירא-שמיב.

זיין מקום-קבע איז די לאַנגע שטוב, דאָרט געפינט ער זיך תמיד, אָנגעבויגן איבער זיין שטענדער, דעם קאָפּ אויף זיינע ביינערניקע הענט אונטערגעלעגט, שטייט ער זיך דאָרט כסדר און איז פאַרטאָן אין זיינע ענינים.

דאַר און אויסגעצאַמט איז ער, ס'פּנים זיינס — געלער וואַקס, שפּיציק — און די טונקעלע פאַרשלייערטע אויגן שטאַרצן ביי אים פון טיפע שפּעלטלעך אַרויס.

פון אַ צייט אָן פלאָנטעט ער, חקר'נט און שמעקט צו עפּיס נייעס.

ער איז אויפגערודערט ! ס'בענקט זיך אים : אהבה און וואַרימקייט פעלט אים. די מידה פון סבלנות איז דאָ אין גאַנצן נישט פאַרהאַנען !

פון טאָג צו טאָג ווערט אים די סביבה פרעמד, דער רעש, די קולות, בעתן לערנען און דאַווענען הילכן אים פוסט אין די אויערן.

איבער אַלעמען אָבער, קאָן ער דאָס קפּדנות זייערס נישט פאַר-

ליידן. דאָ נישט לאַנג איז אים אויפגעפאַלן, ווי אַזוי דער רב אַ-ליין האָט אַ יידן פאַרן גאַנצן עולם מבזה געמאַכט. ווי מעג מען דאָס!? פון וואַנען נעמט ער דעם התר?! מען שרייט און מען פילדערט דאָ צופיל, און אַלעס נאָר פון גאָטס קריוודע וועגן?

אַ ליכט איז אים פּלוצים אויפגעגאַנגען!

ער איז ווי פון אַ לאַנגן, טיפן שלאָף דערוואַכט, און אַ העליש פייער, אַ שנאה האָט זיך אין אים צעברענט.

שלימות, גאַנצקייט האָט ער געוואָלט דערגרייכן. ער האָט געגלויבט, אַז קיין העכערס, קיין הייליקערס פון דעם דרך דאָ איז גאָר נישט פאַרהאַנען. אַ פינסטערניש האָט אים די גאַנצע צייט בלינד געמאַכט און אין איר חשכותדיקן מאַנטל איינגעהילט.

אויף וואָס זיך די צייט, די יאָרן פאַרלוירן? און ווי אַ משוגעת האָבן אים די דאָזיקע געדאַנקען פאַרכאַפּט, אים אינגאַנצן פונם דרך הישר אַראָפּגעפירט און געלאָזט בלאָנדזשען אויף קרומע וועגן.

און דאָס אַלעס איז געשען אויף זיין אופן: פאַרשלאָסן, פאַרבאָרגן, ווי אַ גרוב. קיין שום נברא האָט נישט געוווסט, וואָס ער טוט, און וואָס ס'טוט זיך אין זיין אינעווייניגסטן.

— — — דער פאָרכטיגער טאָג, דער יום הדין (ראש-השנה) איז אָנגעקומען און די שלעכטע מעשים האָבן זיך נישט אָבגעטאָן. מען האָפט, מען וואַרט אויף אַ געשעעניש — אַ נס.

צום-גדליהו בענשט דער רב די שטאָט און דעם גאַנצן עולם, וואָס פאַרזאַמלט זיך אַהער אויף די הייליקע טעג. קינד און קייט רייסט זיך צו נעמען די ברכה, ס׳פאַרפעלט נישט קיין לעבעדיק באַשעפעניש.

דעם טאָג האָט דער בחור שוין קוים דערוואַרט, אויף דעם טאָג שטייט ביי אים די וועלט.

אין שיל פאַר אַ שטאַכעט, לעבן ארון-קודש, שטייט דער בעל-צער רב, ווי אַ גרויסער ווילדער פויגל, וואָס גרייט זיך צום פליען. איין אקסל אַראָפּגעלאָזט, דעם קאָפּ אָנגעבויגן אויף אַ זייט, דאַכט זיך, ער הערט זיך שאַרף צו עפּיס צו. ווי פונם ווינט אַ אומגעוואָר-פענע פאָן, פלאַטערט די ווייסע זיידענע באָרד ביי אים אַראָפּ. און זיינע אויגן, פאַרשאָטנט פון געדעכטע איבער געוואקסענע ברעמען, שפּריצן גליענדיקע פונקען.

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם קרייזן טויזנטער מענטשן שטיל פאַרביי און באַרירן מיט זייערע שפּיץ פינגער דעם רב׳ס אויסגע-שטרעקטע האנט.

ער (דער בחור) דרוקט זיך אויך צווישן די מחנות אריין און רייסט זיך מיט נצחון, מיט אומגעדולד.

איצט איז די מינוט — היינט מוז ער באווייזן...

וויבאלד אָבער ער דערזעט דעם רב פאר זיך, ווערט אים דאָס בלוט פארגליווערט און ער בלייבט, צוחושמט און ווי איינגעוואָרצלט, שטיין.

דער רב, ווי אַן אָדלער אויף דער לויער, האָט דעם קאָפּ צו

אים א דריי געטאָן, א רגע זיך אין זיין צורה טיפער איינגעקוקט,
און שוין, ווי א שרץ, אים פון זיך א שליידער געטאָן. ס'דערהערט זיך
א יעכץ, אז די שיל טראָגט זיך אונטער און מ'מיינט, אז די לייבן,
וואָס האלטן דעם ארון-קודש צו, האָבן זיך צובייזערט, צוברומט.

„הולטאי! — דו, עוכר ישראל, דו! — דו וואגסט עס זיך
מיט דיין פרצוף פארן בעלצער רבס אויגן צו באווייזן?

אויף א רגע איז דער עולם פארשטארט, פארטויבט געבליבן—
אָבער טאקי תכף זיך דערמאנט און א לאָז געטאָן אויף דורס צו זיין.
נאָר דער רב שרייט נאָך אלץ מיט כעס:
לאָזט אים געמאך, רירט אייך נישט אָפּ מיט אים, דעם רשע!
זייט אייך נישט מטמא!..."

ער איז צווישן עולם נעלם געוואָרן. — — — — — — — — —

מיקיטא

דער רוושינער האָט אַמאָל אין א זומערדיקן פרימאָרגן געהייסן שפאנען די קארעטע, אויף גיך, און זיך טאקי באלד אין איר ארייגעזעצט.

„טרייבט — נאָר, טרייבט!“ זאָגט ער „ניטאָ קיין צייט צו פארזוימען.“ די פיר ברוינע אָגערס האבן א צי געטאָן, ווי די אָדלערס, און די ליכטיקע גריוועס זייערע האָבן שעמערירט אין דער זון, ווי צוגליטע גאָלדענע שטראלן.

מיקיטא דווירניק האָט זיך היינט געהייסן ארויסטראָגן פאר זיין גרייזער, צוואלגערשטער כאטע. שוין צוויי יאר האט ער די ליכטיקע שיין פונם הימל ניט געזען, דעם ריח פון א זאַפטיק בלעטל, פון א פריש גרעזל נישט געפילט. היינט איז אים געקומען דער באגער, צו פארלאָזן דעם אויפן-אויוון, זיין געלעגער מיט די אָבגענוצטע, ברודיקע שמאטעס, און ארויס אויף גאָטס גרינער, זומערדיקער וועלט.

ס׳איז אים דאָ ביז גאָר גוט: א ווארים ווינטל גלעט אים ליב-

לעך, גלייכט אביסל אויס די קאַרטשן פון זיין אויסגעטרוקנטער, פארמעטענער הויט און צווייעט דאס טוכלעקייט פון זיינע פאַר־שטאַרטע, אפגעטויטע גלידער.

מיקיטא האט זיך שוין לאנג פון דער וועלט אפגעזאגט און אינגאנצן ניט געוואלט וויסן פון איר. נאר די לעצטע צוויי יאר האט ער שוין פונם אויוון אויך ניט געוואלט אראפגיין.

שטיל, פארשטומט, ווי א געשטארבענער, ליגט ער זיך איבער גע־דעקט מיט זיין אויסגעקראכענער, צופליקטער בורקע. פון איר צו־טיילט ער זיך קיינמאל — אויך היינט ניט!

דאס איז זיין איינציקער עדות, זיין טייערער משכון אויף דעם, וואס ער איז שוין מיד אזויפיל צו האפן, אזוי לאנג אויס צו ווארטן.

ישראלקע, „דער בעש״טער״, האט גאר אינגאנצן אין אים פאר־געסן!

מיקיטא מאכט זיך דעם סך-הכל:

„ווער איז אין דעם שולדיק אמער, אז ניט ער מיט זיין נארישן שכל? אך! „וואס פאר א הוילער קאפ ער איז דאס אמאל געווען!״

א לאנג לעבן האט ער זיך ביי ישראלקען גאר געבעטן, א נארי־שער שכל!״

ס׳האט זיך אים אבער געוואלט לעבן און לעבן אן א שיעור. ער האט זיך גאר ניט באטראכט, אז דער טויט קאן אמאל ליבער זיין

פון אַט דעם נמאסן לעבן, גאָר ניט באַטראַכט. כאָטשי יונג איז ער שוין דאמאלט אויך ניט געווען, נאָר געזונט נאָך און שטאַרק, ווי אַ ריז. הייזער וואָלט ער געקאָנט אויף זיינע פלייצעס איבערטראָגן, און די זייניקע האָבן נאך ארום אים געלעבט.

דאָס לעבן האט זיך ביי אים געגליכן מיט אַ וואָגען, וואָס לויפט, לויפט אָן אַ איבערברוך ביז צון אַ צייט נאָר גאָר פלוצים לאָזט אוועק אַן אַקס, באַלד דאַרויף אַ רעדל; און ס'הייבט אָן קרישען אַ שטיק נאָך אַ שטיק, און וואָס ס'פאַרבלייבט מעג מען שוין ממילא אויפן מיסט אַרויסוואַרפן.

די לעצטע יאָרן זיינען מיקיטאַן נמאס ומאוס!

ער וואָלט זיך שוין פון לאַנג דעם עק געמאַכט און אפילו אויף דער זינד קעגן גאָט ניט געקוקט, ווען ער איז ניט זיכער, אז ישראלקע וועט זיין וואָרט אויסלעזן. ישראלקע וועט דאָך פון אים קיין חוזק ניט מאכן?

א געטלעכער מענטש איז דאָס דאָך! ניט קיין אבי ווער.—

מיקיטאַ איז געבליבן, ווי זיין איינציקער צאָן אין מויל: אָן אַ אייגנס, אָן אַ פריינט. גאנצע דורות האט ער באגראָבן. און דאס ליבסטע, דאס לעצטע, מאַרוסינקע, זיין אוראייניקל אויך שוין פאַר־לוירן.

אַזוי לאַנג ער האט נאך מיט די פיס געפלאָנטעט איז אים נאָך צוביסלעך געגאַנגען: פארנומען זיך ביי דער שטוב, געשלעפט זיך צומאל אין פעלד אריין און געשעפט תענוג פון די בליענדיקע

תבואות און געסטערטעוועטע הייען.

פון זינט אָבער, די כוחות האָבן זיך פון אים אינגאַנצן אָפּגע-טאָן...

דאָס אָבער, איז נאָך אויך ניט דער עיקר! ער קאָן די נייע דורות מיט זייערע מאָדנע פירעכצער ניט פאַרליידן.

„טפו, זאָלן זיי זיין!

גאָלע ליגנט איז דאָס! נאָר מע הוליעט — נאָר מע שפעט און גלויבט ניט אין גאָר ניט!

ווען ניט דאָס, וואָס ער האט הייניטיקע וואַכט אין חלום געזען, וואלט ער שוין גאָר ניט געטראַכט און אַ סוף...

אויפן אויוון וועט ער שוין אויף קיין שום פאַל ניט צוריק גיין.

מיקיטע הויבט אָלץ דעם נאַקעטן, אָבגעגעלטן שאַרבן פון דער פריסבע, דרייט אים אין אַלע זייטן, הארכט, לויערט און ווערט ביים געראויש פון אַ צווייגל דערציטערט.

די קאַרעטע צעמאָלט די ערד אונטער זיך. זי יאָגט פאַל אויסן בויגן. דער רווישינער בייגט זיך פון צייט צו צייט אַרויס און קוקט באַזאָרגט אויפן הימל.

ווייט נאָך צו פאָרן, און פאַר שקיעה מוז מען דעם ציל דער-גרייכן.

אַרום מיקיטאס פאַרוויאנעטע און פאַרבלויטע ליפן קרייזט זיך אַ דין שמייכעלע: „היינט וועט ער שטאַרבן!“ ער ווייסט

עס פונקטלעך, ישׂראלקע לאָזט אים שוין מער נישט אויף הפקר!

הײנטיקע נאַכט האָט אים ישׂראלקע מיט אַ פײַעריקער האַנט גע־װיזן אַ קאַרעטע מיט פיר ברױנע פערד׳ װאָס אײַלט אױפן סטעפּ, אױפן װעג צו זײַן כאַטע. אױסגעזען האָט ער פּונקט אַזױ װי אין יענער נאַכט, װאָס פּינם פראָסט איז ער שיער ניט אומ־געקומען:

„אַך, אַ נאַכט! אַ טײַפלישע נאַכט!

— די זאַװערוכע װויעט, װי די װעלף, שלעפּט דעם דאַך פון די קראַקװעס און די הינט צערײַסן זיך פונם געביל, טאַנצן אַרום דער שטוב׳ װי פון רוחות באַזעצט.

אױפן געלעגער לאָזט עס מיקיטאַן ניט אײַנרוען׳ שלײַכט ער זיך שטילערהײט צום פענצטער צו און שפּעט אין דער פינס־טערער נאַכט אַרױס. מען זעט נישט און מען הערט ניט קײן סלעך. דאָס געהײל אָבער, װערט װאָס אַמאָל מוראדיקער.

„װאָס קאָן דאָ זײַן? — ניט קײן גוטס!” גײט אים אַ געדאַנק דורכן קאָפּ׳ און ער לאָזט זיך ישובדיק צור טיר׳ נאָר קוים, װי ער עפנט אויף, באַפאַלן אים די הינט מיט אַלע פיר און שלעפּן אים בײַ די קלײדער צור ריטשקע׳ װאָס ניט װײַט פון זײַן הױזי. עפּיס שרעקלעכס דערזעט ער דאָרט:

אַ מענטש׳ נאַקעט׳ װי די מאַמע האָט אים געהאַט, שטײט מיט

זיינע טריט צוגעפֿירן צום אייז. שוין האָט ער אויף אים אַ ווארף געטאָן אָט די אייגענע בורקע, געגומען אים, ווי אַ קינד, אויף די הענט און געשווינד אַריינגעטראָגן אין זיין שטוב אַריין.

אַז דער דערפרוירענער איז, נאָך אַ פּאָר שעה, צו זיך געקומען פרעגט ער: „וואָס פאַרלאַנגסטו פאַר דיין מי? — פאַרלאַנגען? צוליב איך זיך, — „קיין באַצאָלטס בעדאַרף איך נישט”.

„בעט דיר אויס — איך וויל דיך בענטשן!” הער איך רוישן אין די אויערן און פאַר מיינע אויגן דרייען זיך פלאַמענדיקע קרייזלעך.

„לאַנג—לאַנג לעבן שפרינגט מיר מיין שטענדיגער ווונש אויפן געדאַנק און די ליפּן שעפּטשען נאָך.

„לאַנג וועסטו לעבן! — ס'וועט דיר אַוש איבריג זיין! ביז צו דער מינוט, וואָס אַ ראַבין וועט פאַר דיין שטוב דער־שיינען.”

און מיט אָט די ווערטער האָט זיך ישראלקע, דער בעש"טער, אָפּגעזעגנט.

פון ווייט האָט די זון אָנגעהויבן צונויפקלויבן אירע פאַר־שפּעטיקטע, נאָך פאַרוואָלגערטע שטראַלן. דעם אַלטן האָט אַ פרעסטל די גלידער פאַרצויגן.

די קאַרעטע האָט אָנגעיאָגט און זיך אויף אַ רגע פאַר דער כאַטע אָפּגעשטעלט.

— — —און מיקיטא, דווירניקס מאַטע, פאַרנעפּלטע אויגן האָבן אויפן רוזשינערס צורה אַ לעצט-מאָל אָפּגעשפּיגלט.

די סטרעליסקער

אין סטרעליסק איז אַ שמחה — אַ יום־טוב· דער תיקון גיסט זיך מיט קאַנען· חסידים שפּרינגען און טאַנצן אויף די גאַסן, דער געזאַנג גייט עד לב השמים·

אַ גרויסער׳ חשובר גאַסט איז דאָ : ר׳ מענדעלע קאָסע־ווער — מיט חסידים — איז געקומען אויף לינת־לילה צו זיין שוואָגער ר׳ אורי סטרעליסקער·

די וועלט האָט געזאָגט : אַז ביי ר׳ מענדעלען איז גע־לעגן דער שליסל צום אוצר פון פּרנסה, ביי ר׳ אורין — פון יראת שמים·

זיינען׳ טאַקע קאָסעווער חסידים געווען גבירים׳ עשירים, סטרע־ליסקער — קבצנים׳ אביונים·

סטרעליסקער חסידים פעלט אָבער קיין עשירות ניט. זייערע השגות זיינען ניט קיין געלט·

התעוררות׳ עבודת הבורא ! — מיט דעם היות לעבן זיי. פייער

שפריצט ביי זייערע תפילות; ביים דאַווענען רייסן זיי איין די וועלט. די געשרייען, די געוואַלדן צעשלאָגן די וואָלקנס. זייער התפעלות גייט אַרויס פונם גדר אנושי. צו די ווענט וואַרפן זיי זיך, סדוכען זיך מיט שטיינער, מיט וואָס ס'קומט זיי אונטער די הענט, און טאַנצן ארום מיט די שטענדערס איבער די קעפּ. נאָכן דאווענען פאלן זיי אָוועק צעהאַרגעט, צעשלאגען, ווי נאָך אַ מלחמה.

ר'מענדעלע האָט פונם סטרעליסקער עניות געוווסט, אבער אויף אַזוי ווייט ניט געגלויבט. אַז ער האָט די אויסגעווייטיקטע, פאַרהונגערטע פּנים'ער, די אָבגעריסענע מלבושים אויף די איינגעטריקנטע לייבער דערזען, איז ער נתפעל געוואָרן.

היתכן !? פרעגט ער, תרעומותדיק, זיין שוואָגער : ווי אַזוי דערלאָזטו עס ?

„גלויב מיר, ענטפערט ר' אורי מיט התנצלות, איך בין חלילה־וחס ניט שולדיק : — אַז ס'פעלט זיי ניט !"

ר' מענדעלען איז אָבער דער תרוץ ניט איינגעגאַנגען — און נאָך מער אים אויפגערייצט. שפעט ביי נאַכט, — דער עולם האָט נאָך אַלץ געפראַוועט די שמחה, געהוליעט און געפילדערט — לאָזט ער צו זיך רופן די פּני פון די סטרעליסקער און פרעגט :

„וואָס, למשל, וואָלט געווען די גרעסטע בקשה אייערע ?

זיי קוקן אויף ר' מענדעלען דערשטויגט, פאַרוווּנדערט און פאַר־

שטען ניט וואָס זיין מיין איז, וואָס ער וויל פון זיי.

— יידן האָבן גאָר קיין בקשות ניט ? —

די סטרעליסקער ציען מיט די שיפּע אַקסל, קנייטשן זיך: וואָס איז שייך ? ס'איז אוודאי פּאַרהאַנען — נאָר ווער קאָן דער-גרייכן ?

איינער וויל קענען זאָגן "ברוך שאמר" פּונקט אזוי, ווי זיין רבי —אַ צווייטער—מכוון זיין אַ תפילה אויף דער מדרגה פון זיין רבי.

ר' מענדעלע פּאַרחידושט, מיט אַ בייזער:

נו — און מכה פרנסה ?

די חסידים לאָזן די קעפּ טיף אַראָפּ און שטייען, ווי באַשולדיקטע, וואָס מען דערמאַנט זייער חטא.

"רופט אויס צווישן אייך: וואָס אַ יעדער וועט מאָרגן, ביי "פּסוקי-דזמרא" אינזינען האָבן, וועט אים דער אויבערשטער משפּיע זיין!".

די ידיעה האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן רושם, חברה האָט זיך צוואָרעמט און אַ נעם געטאָן טראַכטן.

דאָס דחקות איז גרויס! — אַ יעדער איינציקער איז אַ נצרך, אַ בעל-מטופל און אַ טייל האָט גאר דערוואַקסענע קינדער אויסצוגעבן וכדומה...

דעם רעשט פון דער נאַכט האָט שוין קיינער ניט גערוט. די באגערן האָזערט מען איין און לערנט אויף אויסנוויי-ניק. מען טאָר, חלילה, ניט פאַרגעסן! ווייל אַ צווייט מאָל — מי יודע ?...

צו מאָרגענס, אַז ר׳ אורי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פונם בית המדרש און, ווי אַ לייב, אַ געשריי געטאָן „אדון עולם״ האָט עס מיט די חסידים אַ טרייסל געטאָן און דעם דיל, ווי ביי ערדציטעריניש אונטער זייערע פיס געקאָלערט.

אַ שטורם, אַ פייער האָט זיך אויפגעכאַפּט. מ׳צערייסט די ווענט. ר׳ אורי היצט, פּאַטשט מיט גליענדיקע ריטער און זיין התלהבות גיסט זיך איבער זיי, ווי ברענענדיקער שוועבל.

נאָכן דאַווענען, אַז די סטרעליסקער לייט זענען פונם פאַר־מאַטערטקייט אַ ביסל צו זיך געקומען, כאַפּן זיי זיך ביי די קעפּ:
אָוואַ — אָוואַ! —

פאַרגעסן — גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן...

דער פּאַלאַץ

דן-ניק איז באַשאָנקן מיט אַלע מתנות פון גאָט׳ס גענאָד. פון אבות-אבותיו קוועלט זיין עשירות און, וואָס מער מען שעפּט, אַלץ פאַרגרעסערט זיך די שפע. דער איין-אונאייניציקער ביי זיינע על-טערן איז דאס גוט׳ס פון דער וועלט געווען זיינס. לויטער, ליכטיק, ווי אַ פרישע בליט, איז זיין פּנים; די זיידיקע, פלאַמענדיקע באָרד אַ צירונג, און געוויקסיק, ווי אַ לולב — זיין געשטאַלט. דן-ניק באַוווינט זיך מיט זיין פאַמיליע אַ פּאַלאַץ. די ווענט זיינען באַהאָפטן מיט גאָלד און מיט פּערל און, וואָס ס׳געפינט זיך דרינען, שעמערירט פון בריליאַנטן און אַנדערע איידלשטיינער. כאָטש נאָך יונג, האָט אים דער זיין גערודערט, דאָס געפיל אים געווען, ביז גאָר פריקרע, זיך מוזן, אַמאָל, צושיידן — אפשר, איבער הונ-דערט יאָר — פון אַט דעם גוטס, פון דעם אַלעמען שענס, וואָס אויף דער וועלט. פאַר אַזאַ מין מענטש, וואָס די טריט זיינען גע-ווינט אויף פּלוש און אויף זייד, געוווינט, אַז יעדער חלום זאָל, פון הונדערטער הענט, געוואַנדלט, געשאַפן ווערן אין בעשאַנפער-

ליכקייט, איז דער געדאַנק פון אַראָפּנידערן אין פינסטערן גרוב, דאָס מוזן זיך באַגעגענען מיטן מלאך דומה — שוידערליך, אַ גרויל. און ער האָט פּאָרטראַכט: דאָרט, אויף יענער וועלט, זיך אייך אויסצובויען אַ פּאַלאַץ, אָבער אַזאַ פּראַכט, וואָס זיין גלייכן איז נאָך דאָרט ניט פאַרהאַנען.

און דן-ניק האָט באַגינען זיין ווערק. ער האָט גענומען הויפן מצוות און זכיות גאַנצע בערג. די שילן מיט די טייערסטע פּרוכתן און מאַנטאַלעך באַשאָנקען, זיינע שטובן באַהאָנגען מיט קמעות פון גוטע יידן, אויף גאָלד און אויף זילבער אויסגעקריצט. עשרותן אַוועקגעגעבן פאַר חפצים, ירושה זאַכן, פון די גאָר אַלטע, פריער-דיקע צדיקים.

ימים נוראים זעט מען אים אין דער ווייסער, אַטלעסענער קאַפּאָטע פונם רבי אלימלך און אין גאָלדענעם שפּאַניער היטל פונם חוזה. פּסח, צום סדר, טראָגט ער דעם קיטל פונם בעל-שם און באַנוצט זיך מיט דער זילבערנער קערה פונם רבי ר׳ שמעלקי. חנוכה, צינדט ער אָן די מנורה פונם שפּאָליער זיידע און פאַר-גאַרטלט זיך מיטן מעזריטשער מגידס אַ גאָלדענער קייט. און נאָך אַזוינע הייליקייטן, אָן אַ שיעור, זיינען געזאַמלט און באַנוצט פון אים.

און, וואָס באַדאַרף ער מער?

פּאַרטיק, צוגעגרייט שטייט זיין פּאַלאַץ. מיטן חוש פון אַ בשר-ודם קאָן מען אויף דער פּראַכט ניט קוקן. דער גלאַנץ פונם

גאָלד פאַרבלענדשעט, דאָס פייער פון די איידל-שטיינער, פאַר-ברענט די אויגן. די שטול, אויף וועלכער דן-ניק וועט באַדאַרפן טראָגן, איז געגאָסן פון סאַמע גינגאָלד. אירע איינגעפּאַסטע פּערל זיינען די גרעסטע און די לויטערסטע. אַ יעדע איינציקע שפּיט דער ים נאָר, איינמאָל, אין הונדערט יאָר אויס. אָבער פון אויבן, אין סאַמע שפּיץ, אויף דער קרוין פון סמאַראַגדן און פאַרשיידענע, דאָס ליכט פאַרטונקלדיקע יוועלן, פעלט דאָס מיטלשטיק: א בריליאַנט פון דער זון אליין ארויסגעהאַקט.

דן-ניק קאן זיך אָן דרינען ניט באגיין. „א חידוש! אז פון גאָט אליין אזוי פארצויגן: קיין טייערס זאָל פאר זיין כבוד וועגן גאָר ניט פארהאנען זיין, און אייב צו גרייכן עפּיס, זאָל קיין שום מיטל ניט צו שווער זיין!"

יאָרן און יאָרן האט מען געזוכט און קיין פּאַסיקס ניט גע-קאנט געפונען. מיט געלד האט ער געשפּרייט, אליין איז ער אויס-געפארן די וועלט, געפארשט, געפרעגט און שלוחים געשיקט, ווו דער הימל האט אן עק. וואס מען ווייזט אים ניט, און וואס מען טראגט אים ניט אָן, איז אבער ניט דאס, וואס ער באדארף פאר זיין קרוין.

דערוווסט ער זיך, אין א טאג, אז אין א מקום — ניט גאר ווייט — זיצט א ייד, וואס פארמאגט א פּאר תפילין, געשריבן, זאגט מען, פון עזרא הסופר אליין. דן-ניק איז דערציטערט געווארן

אט׳ דאס איז זיין באגער ! אט׳ דאס איז עס׳ וואס ער זוכט שוין אזוי לאנג׳ וואס ער באדארף אזוי נויטיק און קאָן זיך אָן דרינען ניט באַגיין.

מיט גאָלדענע דוקאַטן האָט ער געלאָזט פילן גאַנצע זעק׳ די טייערסטע קאַרעטע געהייסן שפּאַנען און גענומען זיך אין וועג אריין.

דעם וואונדערליכן מענטשן קאן מען׳ אָבער׳ מיטן רייכטום פון דער גאַנצער וועלט ניט פאַרלאָקן. געלד׳ רייכטום איז — רחמנא-לצלן — דער מקור הטומאה ! דן-ניקן האָט ער׳ פון דער ערש-טער רגע אָן דערפילט, ווי אַ שלעכטן ריח׳ און אים ניט געלאָזט דערנענטערן׳ גאָר גערודפט פון זיך.

אַן עזות ! אַן אביון׳ אַ גאָלע גאָר ניט׳ זאָל האָבן די העזה! און דער נצחון האָט זיך ביי דן-ניקן נאָך שטאַרקער צוברענט, די תאווה, זיינט צו דערגרייכן געפלאַקערט ווי טייפליש פייער.

——— ר׳ אביש איז געווען׳ אַ ייד׳ אַ בעל מטופל און אַ גרויסער אָרעמאַן, אָבער אַ פאַרבאָרגענער. אָפט מאָל האָט ער מקיים געווען די סעודות פון שבת מיט זמירות זאָגן, און פסח איז אויך אַמאָל פאָרגעקומען, אַז ער האָט אָבגערעכט דעם סדר מיט דער הגדה בלויז. אָבער ווי פאַרשכורנדיקע בלומען-ריחות האָט מען דאָס מתיקות און הייליקייט פון זיינע ווערטער געאָטעמט. פאַרגעסן האָט מען אין אַלעמען : אין שפלות און אַפילו אין הונגער אויך.

דאָס עניות איז אים ביז גאָר ניחא !

נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן מען זיך מיט דער שכינה מזדווג זיין !

פּאַלאַצן פון גאָלד, שטולן פון גינגאָלד זיינען אים אפילו אויפן גע־דאַנק ניט געקומען, און וועגן מלאך דומה האָט ער גאָר ניט אי־בערגעטראַכט.

פאַר ר׳ אביש׳ס בני־בית איז אָבער דער נסיון גרויס. ווי לאַנג קען מען אויסגיין פון דחקות? זיך אויסלאָזן פאַר אַ שטיקל ברויט? מילא דאָס ווייב וואָלט פאַר זיך אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. ס׳איז דאָך איר חלק, איר גורל. וואָס זיינען, נעבעך, די קינ־דער שולדיק?

קינדער קענען, דאָך, צו זיין מדרגה ניט דערגרייכן! שוין פאַר־האַנען אַ בתולה צו לייטן ברענגען, און ער... ניט ער קלערט אין עפּיס. אים אויס צו מוסרן האָט זי חלילה ניט געוואַגט, אָבער פאַר־באָרגן אין הארצן, געטראַכט: ווי לאַנג נאָך?

האָט זיך, פּלוצים, דער בעל־דבר, מיט זיין כבוד אַליין, צו איר אין שטוב אַריין מטריח געווען.

אַז דן־ניק זעט, ער קאָן מיט דעם בטלן ניט דורכקומען, איז ער זיך מישב און פאַרקלויבט זיך, בגנבה, צו זיין משפחה, — צום ווייב און קינדער. זיין גאָלד האָט זיי געפּליצט, געחושכט פאַר די אויגן. דער הונגער, דער חשק צום גוטס ביי זיי אויפגעטאַנצט אויף מוראדיק. געוווּסט האָט דאָס ווייב, אַז דערפון וועט גאָר־ניט זיין, אַז ס׳איז אַ מקח שטות. פאַר די תפילין איז ער גרייט, אַיעדע רגע, זיך מקריב צו זיין; און אויף וואָס וועט ער עס פאַרבייטן? אויף געלד, עשרותן? בשום אופן אין דער וועלט ניט! און פאַרט

אַ יידינע ! אין גרויסן צער, נעבעך, ווי פרום און אָבגעהיט ז׳
זאָל ניט זיין, האָט געהאָפט, געפּרווט אויסלעגן : „אפשר אין דער
פרעמדער, וואָס האָט אזוי פיל מסירת נפש, וויל איבערגעבן אַזאַ
פאַרמעג, א שליח פון גאָט ? ! וואָס וויל שוין ניט צוזען זייער
פלאג, זייער נויט ? „איי, פאַרוואָס דווקא דורך די תפילין ?״ — —
— — —

אז ר׳ אביש איז געוויער געוואָרן, וואָס ס׳טוט זיך ביי אים
אין שטוב, אז פארטראָגן האָט זיך דער גהינום אזש אהין, האָט ער
דעם שטן פאַריאָגט, דאָס פייער פארלאָשן, אויף גיך, און צוטרעטן
עס מיט זיינע פיס.

דן-ניק, אָבער, שטעט ניט אָפּ. ער לויערט, ווי דער וואָלף
ביי דער סטערטע.

טרעפט זיך אין דעם יאר אן אויספאַל אויף אתרוגים. פּאַר-
צייטנס, אין דאָס קיין זעלטנהייט ניט געווען — אינדעסן האָט זיך
פּאָרט געפונען, ווייט אָדער ווו-ערגיץ, כאָטש איין אתרוג. ר׳ אבישן
האָט קיין שום זאַך ניט אָפּגעהאלטן, מיטן גרעסטן מסירות נפש, זיך
אוועקצולאָזן צו יענעם געבענטשטן מקום. א גאנץ יאר פלעגט ער
פון זיין מלומדות אפּצופן, צונויפלייגן, אגראָשן צו א גראָשן, צו
קענען קויפן אן אתרוג, נאר זיך אליין ; אָדער, ווען א שטייער
אויף הוצאות, בעת, ס׳וועט חלילה אין דער היים נישט שייך
זיין. ווי דאָס יאָר, געדענקט זיך גאָר ניט, נישט בנמצא אויף דער
ווייטער וועלט.

זיצט ר׳ אביש, ערב סכות — שוין שפּעט, נאָך חצות — אין בית-המדרש, מיט אַ שווערג עמיט. ער קאן זיך פון זיינע תפילין ניט צוטיילן — ער קאן זיי פון זיך ניט אָפּטאָן. גאנצע אכט טעג וועט ער ניט באדארפן, ניט טאָרן זיך באנוצן מיט זיי און קיין אתרוג איז ניט פארהאנען! ביטולדיק קוקט ער אויף זיינע הענט, ווי אויף פארטריקנטע ווערבעס, אויף עפּיס איבעריגס, וואס האט קיין נוץ ניט מער.

שפּראָצט פאר אים, ווי פון דער ערד, פלוצים ארויס דן-ניק מיט א בלאנקן לולב און א אתרוג, א הדר, א יופי, וואס פארשיינט און פארבלענדט דאָס בית המדרש האט פארשמעקט מיט כל-ערליי שארפע, באנומענדיקע געווירצן און בשמים גערוכן. ר׳ אבישן האט געשווינדלט אין אלעס זיך מיט אים געדרייט, ווי אין קאראהוד. פון די ווינקלען, פון די ווענט, דוכט זיך, שפּראָצן פאלמעס, הויכע מיט שארפע שפּיצן, וואס לעכערן די סטעליע און שטרעקן זיך מיט דער אראפּהענגענדיקער, געהייליקטער פרוכט ארויף — ארויף. ער וויל גרייכן, דערלאנגען, נאר עפּיס זיינען זיינע הענט פאר-פלאנטעט, פארקניפּט. אנגסטן, שרעק, באפאלן אים. די פאלמעס הויבן זיך אלץ העכער, פארפלעכטן און פארלירן זיך צווישן די שטערן.

האט פּלוצים, ר׳ אביש א צאפּל געטאן. ווי ווען מע דער-וועקט זיך פון א אנגעשטרענקטן, בייזן חלום און ביי די תפילין זיך א כאפּ געטאן.

— — — און נאָכדעם, וואָס דן-ניק האָט מיטן חילוף פונם אתרוג, די תפילין קונה געווען. איז אים דאָס גאַנצע ניט באקומען.

אַן אומרו איז איבער אים. דער געדאַנק עקבערט:

אַ ייד איז זיך מקריב, — גיט אַוועק פאַר אַן אתרוג, — דאָס, וואָס זיין גאַנץ לעבן הענגט דרינען, איז פאַרקניפּט דערמיט — דאָס, וואָס ער וואָלט פאַר קורחס עשרות ניט אויסגעביטן; — און ער דן-ניק איז דער גורם!

די תפילין מיט אָבגעריבענע, רויטליכע בתים, געקאָרטשעטע, אויסגעדאַרטע רציעות פון אלטקייט, זעען אויס, ווי ברענענדיקע מיסור-שטראָף אויגן און קוקן מיט ביטול אויף די אַנדערע הייליקע אַנטיקן פון זילבער און גאָלד, וואָס געפונען זיך צווישן זיי.

דן-ניק וואַגט זיי ניט צו באַרירן. אַ מורא באפאלט אים, אַז ער דערנענטערט זיך צו זיי. ער איז גאָר מתחרט אויפן מקח. חרטה פרעסט אים, ווי זשאַווער. ער וואָלט דעם יידן די תפילין, מיט פרייד, צוריקגעגעבן און אַ שענע מטבע נאָך צוגעלעגט.

ווער-זשע ווייסט ד'ען ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען?

ער מיט זיין משפחה זיינען נעלם געוואָרן, פאַרשוואונדן, ווי אַ פאַר-גאַנגענער טאָג. אַרגער איבער גאָר איז אָבער, וואָס דן-ניק האָט זיך אַריינגעלאָזט אין צווייפלען, איז אַריינגעפאַלן אין יאוש-גע-דאַנקען. זיי נעכט זיינען פיבריקע. אין קאַלטן שווייס געווייקט, טרייסלט ער זיך אָפט פון שלעכטע חלומות אויף. די תפילין וואַקסן זיך אויס, ווי קעפ פון אַ אומגעהייערער חיה מיט לאַנגע, שאַרפע

ציינער, מיט גרויסע שפּיציקע רענער, פאַרציקן אַלץ, אַרום זיך, שטורמען, צוואַרפן דעם פּאַלאַץ זיינעם פאַרטראָגן די פונדאַמענטן מיט אַלץ ערגעץ ווייט, ווייט...

די קוואַלן, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געשפּיגן מיט גאָלד, האָבן זיך פאַרשטאָפּט. די גראָבע גאָלדענע קייט, וואָס האָט זיך פון אבות-אבותיו געשלונגען אַרום דן-ניקן און באַפעסטיקט זיין רייכטום, האָט אָנגעהויבן קרישען און צוברעכן זיך אויף גאָר ניט.

איבער דן-ניקן געוועלטיקט דער אומרו...

דער פינסטערער גרוב רייסט דעם חלום ווייט אויף, דער מלאך דומה פאָכעט מיט זיין פלאַמענדיקער שווערד.

אין שיניעווע

אין שיניעווע, אין מיטן מאַרק, שטייט אַ לאַנג הויז, משופּע, אָנגעבויגן ווי צו מודים. דער דאַך איז כפּול-שמונהדיק, צוריסן און פאַרפלאָנטעט. די ווענט זיינען באַליפּעט און באַשריבן מיט נעמען און בקשות — אַ זקן, וואס האָט שוין אַ סך צרות ציגעזען און איבער געטראָגן

אַרום, אויף דער ברייטער פּריזבע, זיצן יידן און ווייבער מיט קינדער אויף די הענט, וואָס זיינען פון נאָנט און ווייט געקומען צו ר' יחזקאלע שיניעווער, דעם רב פון דער שטאָט און דעם רבין פון דער גאָרער וועלט.

אין אַ גרויס חדר, וואָס די ווענט זיינען ביז צור סטעליע מיט ספרים געמויערט, שטייט ר' יחזקאלע ביי אַ לאַנגן טיש אָנגעשפּאַרט, נישטערנדיק צווישן כתבים און מפורשים. אויף דער שפּיץ נאָז הענגען ביי אים בלעכענע שפּאַקולן, און אונטער די ליפּן, ווי קוועקזילבער, אַ פּאָר גליענדיקע פונקן. דאָס גרויע בערדל זיינס איז צופלאָכטן און פאַרבויגן אויף אַ זייט.

אַן אַלטיטשקער, און דרייען איבערגעבויגן טאַנצט, פלינק, אויף הויכע לייטערס אַרום און דערלאַנגט דעם שיניעווער רב ספרים צו די הענט.

ביי ר׳ יחזקאלן איז די ראיה שוין שוואַך, נאָר וואָס ער דערזעט ניט געפינט ער אין זיין זכרון.

„מלא שקר!“ — „אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה“. — צוגייט ער זיך, צוצויגן, אויפן גמרא-ניגונדל איבער דער שטוב. און דעם קאָפּ א-ריינטועענדיק אין דעם כתב-יד, וואָס ער האַלט אין דער האַנד, הויבט ער דאָס קול פאַרוואונדערט:

„וואָס שרייבט ער נאָר דאָ, דער ני-שע-ניעווער? — אַ גט, וואָס איז ניט געמאַכט געוואָרן כהוגן, און די אישה האָט חתונה געהאַט? ווי קאָן געמאָלט זיין? — דערפאַר קען מען דאָך חלילה!“ — —

„קלמן שמעון! וואָס שטייסטו דאָרט פאַרגולמט? נעם נאָר געשווינד אַרויס דעם „אבן-עזר“ און טו אַ קוק אויף סמן י״ז“...

אַ יידינע פאַלט, פלוצים, אַריין, מיט אַ געוויין, מיט צוואָר-פענע הענט:

„הייליקער צדיק! מיין קינד איז היינטיקע נאַכט אַוועקגעפאַלן פאַר-שלאָפט און ליגט אין גרויס היץ“.

ר׳ יחזקאלע, בייז: „נו? —וואָס האָסטו צו מיר? עך בין דען אַ רופא?“ עך זענט מיך נאָר מבטל מיט פוסטע מעשׂות“.

די יידינע טרעט ניט אָפּ און מאַכט געוואַלדן.

דער שיניעווער נעמט דעם קאָפּ אַרויס פון די ספרים און טייטלט

מיט זיינע דאַרע פינגער: נו — גיי, גיי שוין אַהיים, כ'זאָל שוין דיינער פּטור ווערן! ט'עט אים, חלילה, גאָר ניט זיין! —

קוים איז די יידענע אַרויס מיט דער טיר, דערהערט זיך ווי־דער אַ ווילד געשריי און ס'רייסט זיך אַריין אַ קליין־וויקסיק יידל, אין צעפּרנאַנסטע בגדים, מיט אַ רויט פאַרלאָפן פּנים, וואָס פּאַרעט פּאַר רציחה:

„דער רשע! דער גזלן! האָט דאָך מיך אויסגערויבט, בדיל גע־מאַכט! פּוילע, ווערמזיקע עפּעלעך מיר אונטערגעביטן!

ר, יחזקאלע, אָנגעצונדן, כאַפּט זיך ביי די לאַנגע צופּלאשע־טע פּאות: נו, — וואָס גייט עס מען אָפּ? — וואָס האָט עך ענק אויף מיין לעבן אָנגעזעצט? עך ווילט דאָך מעך נאָר מבטל זיין מיט שטותים". —

„ס'אַנדערע — ס'איז דאָך אַ שקר מחלוט! — ווי וועט עס עפּ'ס אַ ייד אַזוינס אָפּטאָן! עך גלויב ניט!

דער פאַרשוין האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום שיניעווער און גע־נומען קלאַפּן מיטביידע קולאַקעס אין טיש אַריין, אַז ס'האָבן גע־הילכט די ווענט:

רבי! כ'וועל אייך אַלע [כתבים צורייסן אויף אשר יצר! עך האָט נאָר אין זינען פּוסטע זאַכן פון דער גאַנצער וועלט און אויף אַ היימישן האָט עך קיין רחמנות נישט!"

דער אַלטער קוקט אויף איהם מיט אַן אונפאַרשטענדליכן בליק פאַרלוירן, צוחושמט, — נאָר באַלד דאַרויף בעט ער זיך מיט

הכנעה: „נו — גיי — גיי! כ׳זאָל שוין דיינער פּטור ווערן, כ׳על שוין עפּיס זען טאָן.“

און דעם קאָפּ, ווי פון אַ פלוצימדיקן ווייטאָק פאַרכאַפּט, צווישן ביי־דע הענט צונויפגעפּרעסט, ברומט ער אין זיך:

„גאַנצע טעג זיינען זיי אים מבטל פון דער תורה, ער וועט פון דאַ־נען אַוועק, ווי אַהין די אויגן וועלן אים נאָר טראָגן.“

דערווייל האָט קלמן שמעון פון די לייטערס אַראָפּגעשפּאַנט און, מיט אַ צוקנייטשט ברייוול אין זיין ציטעריקער האַנט, אָנגע־הויבן עפּיס שטאָטערן מיט דער צונג: — — —

— — — אין וועג אַריין, אויף שבתים, ווי דער שטייגער איז, פאַרט דער רב ניט אַרויס — ביטול תורה! סאדן ס׳טרעפט זיך ערגיץ אַ דבר נחוץ מתקן צו זיין; און צוליב דעם האָבן די מקורבים, צו אים כסדר טענות: סטייטש, חסידים בעטן ברחמים, לעגן איין די וועלט, דער רבי זאָל מזכה זיין זייערע מקומות מיט זיין קומען אַמאָל אויף אַ שבת, און ביי אים איז דאָס ניט אויסצו־בעטן.

„וואָס בין איך עס — זאָגט ער — אַ קונצן מאַכער?

דאָס ברייוול, וואָט דער משמש האָט אים אונטער געטראָגן, איז איבערגעשיקט געוואָרן פון באָרניער חסידים. זיי האָבן זיך פון א לאנגער צייט דארויף פאַרלייגט, פאַרעקשנט, דעם אלטן אין זייער שטעטל אראָפּצוברענגען, ס׳זאָל גיין אין וואָס ס׳זאָל ניט גיין. אלע המצאות זייערע האָבן אָבער ביז איצט ניט געטויגט. פאלט מען

אויף אזא אויפטו; באשר בכן, ביי זיי אין שטעטל איז צווישן צוויי בעלי-בתים, לייטישע יידן דוקא — נאָר ניט קיין חסידים — פארהאנען א סכסוך וועגן גאָר א שווערן ענין, און זיי ווילן בשום-אופן קיין דין תורה ניט האלטן. איין עצה, איין רפואה וואלט גע-האָלפן: דער רבי זאָל ווערן זיך אליין מטריח זיין, און קומען צו פאָרן. —

דער שיניעווער האָט א רייס געטאָן דאָס בריוול צו זיך, מיטן בליק דאריבער א פלי געטאָן און איז שוין ווידער אמאָלי א-רויס פון די כּלים.

„וואָס האָט מען צו מיר? וואָס איז דאָס מוטל אויף מיר אליין די וועלט צו פארזאָרגן?! ס'אנדערע? ס'איז דאָך א ליגענט! מען קען דאָך חס ושלום דערפאר פארפאלן ווערן אין פוסטע וועלטן!

עך גלויב ניט!

די טירן האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעריסן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט מענטשן און געשרייען, ווי א טומלהויז. מאמעס מיט קליינע קינדערלעך, וואָס פישטשן, יידן מיט אָפּגעשרי-בענע קוויטלעך רייסן זיך צום רב:

„הייליקער צדיק! — בענשט אונז! איר זענט א פועל ישועות — דער צדיק הדור!

„רחמנא-לצלן! וואָס ווילט עך פון מיין לעבן? שרייט דער אלטער פארצווייפלט, ווארפט זיך, ווי אין פיבער, און ברעכט זיך די הענט:

קלמן שמעון! וואָס שטייסטע דאָרט, ווי צוגעבינדען? אָט די רגע זאָלסטו זיי פארטרייבן פון דאַנען! דו הערסט?

„עך האָב שוין קיין כח ניט צו ענק!" עך זענט מיך נאָר מצער און מבטל! עך מוז זוכן מען זאָל חלילה ניט פאַרפאַלן ווערן...

שטורמדיק, איינס פאַרן אַנדערן, וואַרפט דער עולם די בקשות צו זיינע פיס און טרעט נישט אָפּ פונם אָרט.

ר' יחוקאלע כאַפּט דעם לאַנגן לילקע־ציבעק פונם טיש און הויבט אַליין אָן טרייבן:

נו — בעט ער זיך ווי ביי קינדער:

גייט ענק שוין, כ'זאָל ענקער פטיר ווערן, כ'זאָל ענק שוין ניט זען פאר די אויגן.

כעל — כעל...

און זיינע ליפּן הויבן אָן ציטערן אין אַ שטילער תפילה.

דער מעזיניק

אין אַ האַרבסטיקן, פֿאַרעגנטן טאָג יאָגט אויף צושיט ווערן אַמאָל אָן, אַ דאָרפֿיש געשפּאַן צום טשערקאַסער צדיק אין הויף אַריין. דער וואָגן איז אָנגעטאָן אין שוואַרצער קלעבעריקער בלאָטע, די פֿערד באַגאָסן מיט ריטשקעט דאַמפּעדיקן שווייס. צוויי מעתלעת, נאָכאַנאַנד, טרייבט מען זיי איבער טאָל און בערג, כמעט אָן אַ אָבשטעל, אָן אַ אָנרו. פֿון צונעצטע רעדנעס צעוויקלט דער בעל-עגלה אַ דאַרן, עלטערן מענטשן — די אייגענע כוח ות סטייען אים ניט — און העלפֿט אים אויף די הענט אַראָפּ.

דער ייִד איז אין אַ גרויסער צרה! שונאים האָבן אויף אים אַ בילבול אויסגעטראַכט, אַ מסירה אָנגעגעבן, און דער רבי איז זיין איינציקער בטחון!

אין קלויז אונטער דער קאַלטער רובע זיצט אַ האַלב מנין בטלנים, פֿאַרכמורעט, די פֿאַרבלויעטע הענט אין זייערע ברייטע אַרבל פֿאַרוקט, שאָקלענדיק, טעמפּ, מיט זייערע קעפּ צום ניגון פֿון דער גמרא, וואָס קייקעלט זיך פֿון מעלה-גרהדיקע קינדערישע קע-

לעכלעך.— דער רבי און זיינע מקורבים זענען ניטאָ אין דער היים שוין א צייט, ערגעץ ווייט, אונטערוועגנס.

פון דער בשורה ווערט דעם חסיד פאַרקילט ביים האַרצן. א קראַם פארכאפּט אים, און צופאַלנדיק צו א באַנק, קאָרטשעט ער זיך, ווי א שלאַנג.

„וואָס וועט ער איצטער מאַכן?"

„פון וואַנען נעמען די הילף?"

דורך די גרויסע, האַלב געקרומטע פענסטער שאַטענען זיך פונם הויף די פאַרוואָלקנטע, פאַרווייקטע געביידעס, פוסט און פאַרלאָזן, און סמוטנע פאַרנעמט זיך דער האַרבסטיקער ווינט, פויקנדיק אין די דעכער, שליידערנדיק מיט די סכות-שלעק, ווי מיט פענער.

דער אומגליקליכער מעסט מיט זיינע נאַסע אויגן א יעדעס ווינקעלע אויס, זוכט אין א יעדער זאַך, א יעדער קלייניקייט א הילף, א טרייסט, נאָר ניט צו זען.

פארשטיינערט, מיט צובראָכענע הענט רייסט ער זיך אלץ אויף; דעם ווייטיק פאַרלייכטערן, פונם האַרצן א ביסל אָפּרעדן וויל ער זיך! אין ביי אים, אבער, דאָס לשון פארבלייט.

שפּאַנען, אין וועג אריין גרייטן, האָט ער שוין עטליכע מאָל געהייסן און חרטה געקריגן.

דער טאָג צורינט דערווייל אזוי.

פארנאכט נעמט ער זיך אָן מיט כח, פאַסט זיך אויף אלעמען

אָפּ און לאָזט זיך צור פּיר. נאָר קוים ער זעצט זיך אַרויף, דער־הערט ער קינדערישע קולות, וואָס קלינגען אים אַזוי זיס, ווי דאָס זינגען און שווּיפּטשען פון פויגאַלעך, און אַ פאַרבאָרגענע מאַכט צווינגט אים צוריק אַראָפּ, ציט אים נאָכן געזאַנג.

די שטוב גאַט כּאָדאַראָם!

אַ שווערער לאַנגער טיש, ווי אַ טורם אין דער הויך איבערגעקערט, איז באַמאָלן און באַקרייזט מיט די אותיות:

„מגדל בית דוד"

קינדערלעך מיט פאַריזעטע פּנימלעך, די דאַשעקעס אַרונטער פאַר־דרייט, רייטן אויף לאַנגע בענק צוביידע זייטן און פאָכן קאָליר־טע פענדליך מיט די נעמען פון די שבטים. פאָראויס ווי אַ גענע־ראַל, אַ געשניצט שווערדל אין שמאָלן הענטל, זיצט אויף אַ הויך, הילצערן פערדל דער משיח, אַ ייִנגאַלע, פון אַ יאָר אַכט, דעם רבינס מעזיניק. דאָס פלושענע היטעלע אויף זיין קעפּל איז אויס־געהאַפטן מיט גאָלדענע פּאַסמעס און דאָס לאַנגע זיידענע קאַפּאָט־קאַלע, אויף זיין שמאָל קערפּערל, שפּיגלט זיך אין אַ פּאָר בליאַס־טשענדיקע, סאַפיאַנענע שטיוואַלעך.

פאַר אים, אין גלייכע שירות, טאַנצן די לויים, זינגעדיק און קלאַפּנ־דיק אויף טאַצן און בעקנס.

„ס'זאָל לעבן אונזער משיח!" העלפן אַלץ אונטער די קינדערלעך און צורייסן די סטעליע מיט זייערע געשרייען.

אויפאַמאָל ווערט די שמחה איבערגעריסן, דער געפּילדער,

די פרייד פאַרשטימט. קליינוואַרק גלאָצט דערשראָקן, מיט אַ-
פענע מײַלעכלעך אויף עמיק, ווי אויף אַ מוראדיקער זאַך.
דער פרעמדער איז, ווי פון אַ וואָלקן, אהער אַראָפּגעפאַלן!. .
דער אומגעבעטענער אורח קוקט, אַ צוטומלטער, זיך ארום און
פארבלייבט צוגעווורצלט א גאַנצע ווײַלע אַזוי שטען.
פלוצים דערפילט ער אַ לייכטקייט אין זיך. דאָס הארץ זעצט אים
אויף אַרויסצופאַלן און ווי צוגעענדיקע וואָלקן לייטערט זיך דאָס
פינסטערקייט פון אים אויס.

עפּיס האָט ביי אים אין מח אַ בליץ געטאָן!
דער משיח, דעם רבינס קינד, וועט אים ברענגען די הילף!
און מיט אומפעט, טוט ער זיך טאַקע שוין אַ בייג צום מעזיניק און
שעפּטשעט אָן אָטעם, מיט דאָרשטיקע ליפּן...

דאָס קינד, איבערגעראַשט, פארציט דאָס פאַרגרינטע פּנימל,
ציט מיט זיינע ביינערדיקע אַקסאַלעך און פאַרווערט אים מיט די
הענטלעך פון זיך.

דער קליינער עולם וואַכט ווידער אויף, ווערט דרייסט און
באווייזט אומגעדולדי
דער ייד רירט ניט פונם אָרט.
ס'הויבט אָן זשימען, ווי אין א בינענהויז:
„מאַכט פריי דעם וועג פאר אונזער משיח!" און ס'הילעכט ווי-
דער אויף די העכסטע גאמען.

דער חסיד וואַנקט אויף אומצופאַלן, דערכאַפּט זיך אָבער

באַלד און טוט זיך אַ וואָרף צום רבינס קינד, פּאַקט אים בײַ׳ן הענטלעך און דרוקט זיי מיט דער גאַנצער קראַפט צו זײַן פלאַ־טערנדיק האַרץ.

די קינדער זענען פאַר שרעק אָפּגעטויט געוואָרן און געבוי־מען זיך אײַנציקווײַז פאַרקליבן אין די ווינקלען און אונטער די בענק.

דער מעזיניק, אָבער, האָט זיך פלינק פונם חסיד אַרויס געטאָן און זיך מיט געוויין צושריגן:

„איך בין דאָך בלויז משיח און ניט דער טאַטעשע!...״

ענִיוּת

אַז נתן רעזיליסקער האָט זיך אומגעקערט פון זיין רבין, איז זיין צורה געווען באַהויכט מיט אַ ליכטיקן שמייכל, וואָס ווישט זיך ניט אָפּ, און אויף די ליפּן האָט ביי אים ציטערדיק, געהאָנ-גען דער נאָמען „הוסיאַטין" ווי דער שם פון א געבענטשטער קמיעה.

די איבערלעבענישן, וואָס ער האָט מיט זיך אהיים געבראַכט, האָט ער געקליבן, מיט באדאכט, ווי פון אַ אוצר און צוציילט זיי איינ-צעלן ווי פּערל.

צו דער נסיעה האָט ער זיך געקליבן גאָר אַ לאַנגע צייט און ניט געקאָנט זי מאַכן. אויף פאָרן און אויף מעשר פונם רבינס וועגן האָט אים ניט געקלעקט, אַראָפּנעמען פונם רבינס חלק וועגן דער הוצאה איז אים אפילו אויפן זין ניט געקומען; און צופוס גיין איז געווען פאַר אַזאַ חלש, א זקן, אומעגליך. פלעג נתן צוטיילן דאָס ביסל פון זיין קאַרגער פרנסה, שיקן קיין הוסיאַטען צום רבין, כדי צו האָבן כאָטש אַ קליינעם טייל אין זיין קדושה, און פאַרבלייבן

אין דער היים, ציילנדיק ספירות, אויסרעכענענדיק, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט אָ יעדן טאג און א יעדע שעה׳

די עלטער האָט דערווייל גענומען ביי אים שטארק צושטען און שווילע געדאַנקען אין אים טונקעלן׳ ער זאָל חלילה ניט פאר־שפילן, ביים רבין זיך צו געזעגענען׳ איידער מען וועט אים פון דער דאָזיקער וועלט אָוועקרופן. האָט נתן ריזיליסקער געטאָן וואָס ער האָט געטאָן׳ און איז געפאָרן קיין הוסיאטין.

די אכסניה האָט ער געהאָט גאָר נאָנט, אַ שפּאַן וועגס פונם הויף׳ ער האָט געקאָנט פונם פענסטער ארייקוקן און זען׳ וואָס ס׳טוט זיך דאָרט כמעט אין א יעדן ווינקאלע.

ווי איז ער דען אומשטאַנד איבערצוגעבן דעם תענוג׳ דעם נחת רוח׳ וואָס ער האָט דערפון געהאט ? — ס׳איז דען נאָך פארהאנען אַ גלייכן דערצו ? —

פנחס יואל, דער עלסטער מקורב׳ האָט אים שוין אויפן דריטן טאָג באפוילן, אַז ער האָט אים׳ נאָר־וואט מזכיר געוועזן׳ און דער רבי׳ האט דערביי צופרידן א שמייכל געטאן

אָ־! — אָ־! — נתן ווערט א יעדעס מאל מבלבול, אַז ער טראַכט דערצו׳ ער קאן עס גאר ניט משיג זיין. ווי קומט ער צו דער זכיה? שלום נעמען צווישן די לאַנגע און פולע שורות יידן׳ וואס שטייען אין הויף אויסגעשטעלט׳ בעת דער רבי גייט אין קלויז אריין, האָט ער פשוט קיין כח ניט געהאַט׳ און גלאַט פאר זיך אליין אריינגיין שלום נעמען, איז דאָך ניט שייך פאר איב.

„מיט וואָס האָט ער זיך דעם כבוד פאַרדינט ? — ווי וואָלט ער גאָר געוואַגט עס צו טאָן ? —

צו שטען מיטן רבין פנים־אל־פנים בעדארף מען זיך דאָך אויסהאָ־רעווען, צו זיין אויף דער מדרגה! „כעבדא קמי מרא ?"

נתן רוט זיך פון זיינע מחשבות אַ ווײַלע אויס. נאָר באלד טאקע הויבט זיך ווידער אָן קנייטשן זיין באַרגיקער, טאָפּלטער שטערן. ביי די טישן צו זיין, האָט ער זיך דאָס מאָל אויסגעהיט. ער איז שוין צו אַלט, צו שוואַך, צו קענען פון דער נאָנט איבערטראָגן די הייליקייט, וואָס פלאַקערט אַרויס פונם רבין ביי דער עבודה : רוי־כערנדיק, ווי גאָלדענע מזבחות, וואָס טשאַדען מיט פארשיכורנדיקע קטורתן און געווירצן בליצן זיי פאר אים פארביי.

„דער רבי זיצט שטארק פארטראָגן. זיינע אויגן זענען מיט פרוכת־לעך פארהאנגען און אין פנים בייטן זיך ביי אים אלערליי קאָלירן פון בלייכקייט. מיטן מיטלסטן פינגער פון זיין לייכנבלאַסער האַנט, קלאָפּט ער זיך, ווי מיט א פלאָקן אויף דער רעכטער ברעם, און דער גרויסער עולם — איין פארגליווערט שטיק — מיט פאַרוואָר־פענע, פאַרחלשטע קעפ, דעם אָטעם שטיקענדיק אין זיך, קוקט אויף אים. דאָס רעכטע אויג, אויסגעקוליעט, ווי אַ פייעריקע קויל, רייסט ער פון צייט צו צייט אויף, ברענט עס א רגע אין עמיצן אריין, און טוט זיך ווידער אַ שטויס מיטן פינגער אויף דער אייגענער ברעם, ווי ער וואָלט זיך דאָרט אַ טשוואָק אַריינגעיאָגט.

נתן האָט, ווי פון אַ באַנומענקייט, א צאַפּל געטאָן און מיט זיין גרוי־

סער רויטער פאַטשיילע דעם באַגאָסענעם שווייס פון זיך געווישט.

אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אָבער אויף דער רגע ביי אים איבער דער גאַנצער ווייסער באָרד צוגלאַנצט: דעם רבין האָט ער גאָר פון דער נאָנט, כמעט אַ שפאַן פון זיך, איינמאָל געזען. ער איז אין דער אָפענער קאַרעטע געפאָרן אין וואַלד אַריין מנחה דאַווענען.

אַ, אַ גליק! אַ גרויס גליק! וואָס ער האָט דער תאווה זיינער ניט נאָכגעגעבן, אַליין זיין פדיון-נפש, דעם רבין אריינצוטראָגן. אַ וואָך לאַנג האָט זיך אים אַ רוח שטות אין מוח געפלאָנטערט און געפרווט אים איבעררעדן דער צו, ער האָט זיך אָבער נאָך צור צייט דערכאַפּט און ניט געלאָזט זיך פאַרפירן.

„ווארעם, וואָס וואָלט ער געטאָן? וואָס געענפערט? ווען דער רבי טוט אים אַ מעסט איבער מיט זיינע בריענדיקע אויגן און פרעגט ביי אים בלויז מיט דעם איינציקן וואָרט:

„מה פעולך?"—

אַך, אַ גליק, אַ גרויס גליק...

צוויי קוויטלעך

ביים רבין אין פראַווע-שטוב, אויפן פירקאַנטיקן, דעמבענעם טיש, פלאַטעטערן, פון אַ ווינטל דורכן אָפענעם פענסטער, צוויי נאָר וואָס אַנידערגעלייגטע קוויטלעך, ווי אויסגעציפּטע פעדערן. דאָס איינע בליאָסקעס, ווי אַ שיר, מיט געטאָקטע און אויסגעצער-קעלטע כתיבות-אותיות. דאָס אַנדערע איז באַשריבן מיט עטליכע פאַרציקטע ווערטער, וואָס זיינען, ווי דערשראָקענע, פאַרשלונגען אינאַנאַנד און באַקלעקט מיט אַ טרער.

ביידע פון חסידים, וואָס זיינען, דורך פאַרשיידענע, טעמים אַ לאַנגע צייט אָפּגעהאַלטן געוואָרן, צו קומען צום רבין.

צבי שואל בן חנה בתיה איז אין דעם יאָר שטאַרק געווען פאַרנומען. די מסחרים האָבן זיך ביי אים, קיין ע״ה, גרויס צושפּילט און קיין צייט נישט געקאָנט אָבריסן, צו פאָרן צום רבין. אגב ער פאַרעכנט זיך ניט צווישן די אָפּטע פאָרערס, ווייל בטבע איז ער פון די קליינע פורנים, האָט ער נאָך ניט פאַרפעלט, ווינציקער ווי צוויי מאָל אין אין יאָר, זיין ביים רבין. צבי שואל איז אַ בעל-

נחת מיט קינדער און קינדס-קינדער. וואָס ציטערט קיין בייז זאָל חלילה אין זיין הויזגעזונד ניט שולט זיין. איז טאַקי. ביים בעל-נחת דאָס געמיט ניט רויק.

שוין צו לאַנג זיך פאַרגעסן! שוין צו לאַנג זיך פאַר זיין רבין ניט באַוויזן! מוז ער זיך אָפרייסן פון זיינע גליקליכע געשעפטן און נעמען זיך גרייטן אין וועג אַריין.

אויף דער הוצאה איז ער מפקיר אַ גאַנצן הונדערטער: די גאָספּעדע און דאָס פרעסן פאַר די פערד מיטן אָנטרייבער — וועגן בעדאַרפן קאָסטן אַ צוואָנציקער. וויין צום טיש, אַ צענערל, קוויטל-געלד פאַר די גבאים אויך אַ צוואַנציקער, כאָטשי קיין בקשה לאָזט ער זיך פון זיי ניט אָנשרייבן: דאַרויף האָט ער שוין אַ חזקה ביים סופר אין דער היים. צבי שואל בן חנה בתיה איז אַ מקפיד, אַז זיין קוויטל זאָל זיין געשריבן מיט גרויס ישוב הדעת, ניט אין איילעניש, ס׳זאָל חלילה וחס ניט פאַרפעלט ווערן אַ נקידה קטנה פון אַלע, אַלע זיינע בקשות, פאַר זיך און זיין בני-בית. און דעם רבין מוז ער דאָך — לכל הפחות — איבערלאָזן אַ פופציקער!

איז דאָך אָבער אַלץ ביי אים מיט הצלחה!

ווי נאָר ער פאָרט אָן צום רבין אין שטעטל, דערזעט אים זיינס אַ פריינטל, וואָס וווינט דאָרט, ניט פון לאַנג, און האַלט עס פאַר אַ גרויסן כבוד, דעם נגיד מיט זיין גרויסאַרטיקן געשפאַן צו זיך אויף אכסניה צו פאַרבעטן. טוט אים צבי שואל אָן די ליב און שפּאָרט

זיך איין אַ צוואָנציגער. ווייַן ביים טיש האָט ער אין רעש און גע־פילדער פונ׳ם גרויסן עולם פאַרזוימט צו שטעלן. איז אים דאָך שוין פשוט געווען אַן עבירה, זיך דאָס קוויטל געלד אויך ניט צו פאַרשפּאָרן !

און די הצלחה שפּילט אים : ס׳האָט אים געגליקט צווישן דעם אַנ־געלויף פון מענטשן, וואָס זיינען זיך ביים פּראָווען געשטאַנען אויף די קעפּ, זיך צו פאַרלירן און פאַר די שאַרפע גבאישע אויגן אויס־צוהיטן. אַז ער האָט אָבער דערזען דעם גרויסן הויפן מיט קוויט־לעך און דעם בארג מיט אַלערליי געלדן, וואָס זיינען געלעגן פאַרן רבין, האָט ער זיך אויף אַ קליינינקייט באטראכט :

„וואָס קען זיך שוין אָנזען, אַז ער וועט אנידערלייגן נאָר אַ פּער־ציקער ? נאָר איבערגעבנדיק זיין בקשה דעם רבין אין דער האַנט אריין, האָט שוין צבי שואל בן חנה בתיה געהאַט דעם גאַנצן ישוב : און צוגעלייגט אַ פאַפּירענעם, קנאַקנדיקן צוואַנ־ציקער — — — !

— — — טוביה בן ציפּה האָט אויך אַ קיילעכיק יאָר ביים רבין געפּעלט און זיך נישט געפּראַוועט. ביז צו דעם יאָר האָט זיך ביי אים פאַר זיין גאַנץ לעבן אַזוינס ניט געטראָפן.

טוביה איז געווען אַ ייד, אַ בעל מטופל און האָט זיך מפרנס געווען פון קנעלן מיט קינדערלעך. אויף קיין שום רגל און קיין שום אנדערע זמנים פון פאָרן האט ער נישט פאַרפעלט צו זיין ביים

רבין. דעם פדיון פון זיינעטוועגן האָט ער זיך אָפּגעריסן פונם נויטיקסטן. דאס איז פאַר אים געווען דאס העכסטע — הייליקסטע !

טוביה פלעגט זיך מתקנה זיין אין די גבירים. ניט ווייל זייער עשירות איז אים אפגעגאַנגען, חלילה ! נאר דערפאַר וואס זיי קענען געבן, וואס זיי זענען בכח, מיט דער ברייטער האנד אנידער צולייגן גרויסע פדיונות ביים רבין.

דער כלי־זין פון זיין רבין איז צדקה ! ער ווייסט פון די פאַרבאָרגנסטע נויטן. אויף מיילן דערפילט ער ווען עמיץ איז נויט-באַדערפטיק און רוט ניט, ביז וואַנען ער האָט ניט ביד צו העלפן. ס'דערצעלט זיך וועגן אים, אַז ער איז אַמאָל אָנגעקומען דאַנערשטיק אויף דערנאַכט אין אַ שטעטל אויף שבת, זער צובראָכן פון דער גאַנצער וואָך נסיעה. נאָר קוים ער איז אַראָפּ פון דער פיר האָט ער זיך אויפן גרויסן עולם, וואָס איז געקומען אים מקבל פנים זיין, אפילו ניט אומגעקוקט, און איז מיט זיין גבאי פארשוואונדן אין דער פינסטערער נאַכט.

אַ טיטשע גיסט און די ערד פארזינקט אונטער די פיס. דעם רבין האלט עס ניט אָפּ. ער לויפט ווי פאַר רוצחים, און ציט זיין משמש נאָך זיך. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געטאָפּטשעט אין פאַרזינקענדיקן שלאַם און געטאַפּט זיך אין פינסטערניש. צו מאָרגענס, כאור, האָבן זיי זיך אומגעקערט פון ערגיץ מיט אַ פרעמדן, זאַמיטשעטן מענטשן, וואָס דער רבי האָט אים אויסגעקויפט פון גולנים׳ פאַר פדיון שביים.

„א״ז דאָך ווייל און ליכטיק דעם, וואָס קען זיך מצרף זיין צום רבינס מעשים !"

איז דאָך אָבער טוביה אַן עני ואביון און אַ שלים־מזל !
דאָס יאָר האָט ער זיך קיין חדר אין דער היים ניט געקאָנט צו־נויפשטעלן, געמוזט זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין זוכן עפּיס אויף חיונה און איז פאַרוואָרפן געוואָרן אזוי ווייט, וואָס פון דאָרטן האָט ער קיין שום מעגליכקייט ניט געהאַט צו פאָרן, און אפילו ניט קיין פדיון, איבער צו שיקן דעם רבין. אַ גאַנץ יאָר האָט ער דאָרט אַרום געבלאָנדזשעט, ווי אַ שעפּעלע, אַ פאַרלאָפענס פון זיין טשערעדע, און בייזע פינסטערע געדאַנקען האָבן אים דעם קאָפּ געבוויערט : „דאָס איז גאָר אַן עונש פאַר עפּיס אַ פאַרבאָר־גענעם חטא !" קוים, קוים האָט ער שוין דערצויגן צום סוף פונם לעצטן זמן, וואָס האָט אים צו געבונדן צום מלמדות דאָרט, און איז אַוועק.

אַז ער איז פון דער ווייטער נסיעה, בשלום, אָנגעקומען אַ־היים, האָט ער פון אָפּגעשפּאַרטן ביסל שׂכירות מקדיש געווען אַ צוואָנציקער אויף דער הוצאה און תכף געלאָזט זיך אין וועג אַריין, צו זיין רבין. קיין פּירל האָט זיך אים ניט צוגעפּירט, האָט ער גע־נומען עולה רגל זיין און איז געווען איבער גליקליך, צו קענען די שׂכר עגלה צולייגן צום פדיון. די אכסניה האט אים אויך ניט געקאָסט, ווייל אַ חבר, אַ יושב אין הויף, האָט אים גענומען

צו זיך. משקה צום טיש איז ער זיך ניט נוהג, אַ קוויטל שרייבט ער זיך אַליין.

..און דעם רבי'ן האָט ער דערלאַנגט אַ קליינטשיקע בקשה מיט פּאַרוויינטע, ציטעריקע, עטליכע ווערטער:

„טוביה בן ציפּה לרפואות ולשלימות הנפש", און צו געלייגט דעם גאַנצן צוואַנציקער.

חבלי לידה

ישראל אברהם האָט שוין פון עטליכע יאָר - צייט אין קיין מסחרים ניט געטאָן, גענומען זיך אויף די עלטערע יאָרן אָפּרוען פון דאגות-פרנסה. גענוג שוין! לאָז דער יונגער עולם זיינער האָרעווען דערויף. ער (צום הימל ווייזנדיק) בעדאַרף איצטער זאָרגן פאַר גאָר אַ בילכערן תכלית.

אַ למדן איז ער געווען אַ קנאַפּער, און קנעלן מיט די אַנדערע בטלנים אין קלויז האָט ער פיינט געהאַט. ישראל אברהם האָט ליב די גאַס און ווינט כמעט אויף איר!

אויף דער לאַנגער באַנק פאַר זיין גרויס הויז, פאַר זיין גרויסער קלייט, אין סאַמע ברען פונם שטעטל, זיצט ער איבער די טעג און לאָזט ניט דורך קיין פאַרבייגייער, אָן צו פאַרטשעפּען אים מיט אַ וואָרט, כאַטש מיט א פרעג.

ליב האָט ער סתם אויסשמועסן די וועלט, דערציילן וועגן די אַמאָליקע צייטן; און באַזונדערס, מיט ברען, פונם אַלטן רבין ז"ל.
אַז ער פלעגט זיך צורעדן וועגן זיינע נסיעות'ן צו אים און אין

די באַגעגעניש מיט די אַנדערע טויזנטער חסידים, האָט זיך זיין פּנים צופלאַקערט און ער איז אַריין אין אַזאַ התפּעלות, ווי ווען ער וואָלט עס טאַקי איצט איבערגעלעבט. דאָס אַלץ דערציילן און אי-בער חזרן איז ביי אים געווען פאַרעכנט, ווי די הייליקייט פון תפילה און תורה לערנען.

געלעבט האָט דאָ נאָך איינער, אַ חבר זיינער, אין די אייגענע יאָרן. איז ער שוין געווען גאָר דער הפוך:

ישראל אברהם, אַ הויכער, מיט פאַרנעמענדיקע פּלייצ'ס און אַ גע-דיכטער, צוואַקסענער באָרד; מענדל, א קליי'ניטשקער, אַן איינגע-שרומפּענער, מיט א כיטרע שמייכעלע אויף זיינע פאַרויטלטע בע-קאַלעך און פאַרשאָטנטע פייערליך אין די בוימלדיקע אויגן. און מענדל איז דוקא א בטלן, וואָס עפּנט דער ערשטער און פאַרשליסט דער לעצטער די קלויז.

ביידע זיינען צוזאַמען אויסגעוואַקסן און, יונגעלייטווייס, אינאיינעם געהאַט דאָס נאמנות אין דער גערעלניע, ניט ווייט פון דאנען. ישראל אברהם האָט מיט דער צייט דערגרייכט, געוואָרן א בעל-הבית פאר זיך און געוואַקסן. מענדל איז נאָך לאַנגע יאָרן געבליבן א נאמן, און ערשט אויף די עלטערע יאָרן זיינען זיינע קינדער בכ'ח געוועזן, איבערצונעמען אויף אים די השגחה.

איז ישראל אברהם מיט מענדלן פון כמה יאָרן ניט בשלום. יענער האָט אויף אים גרויס פאַריבל! פון דעם אַלטן רבינס פּטירה אָן איז מענדל פון ווייניק פאַרפרעמדט און האָט אינגאַנצן אַהין

אויפגעהערט פאָרן. און וואָס נאָך מער!: ס׳האָט זיך דערשמעקט, אז מענדל כאַפּט זיך בשתיקה צומאָל אוועק קיין סאַדאַגורע. קאָן דאָס אים ישראל אברהם ניט מוחל זיין. עפּעס פּילט זיך פון אים, זאָגט ער, א פרעמדער, טעכלע, ריח. האָט ער זיך אויף אים גענומען און נישט געלאָזט דורכגיין די גאַס אָן צו זידלען, אָן צו שראַפן אים:

סאַדאַגורטשיק, דו איינער! „וועסט נאָך פּעכניען ביי מיר, זיך בעטן, דיך מיטצונעמען קיין וויזשניץ! וועסט נאָך אמאָל אהין לויפן צו פוס, אין די בלויסע זאָקן!״

מענדל לאָזט זיך מיט אים אין קיין טענות ניט אריין, צוגלאַנצט די בוימלדיקע אויגן זיינע, באַלייכט די בעקאַלעך מיטן כיטרע שמייכאַ-לע און לויפט זיך זיין וועגס — אין קלויז אריין.

טרעפט זיך, אז מענדלס בת-יחידה׳ס א בת-יחידה, וואס דאס ערשטע קינד האָט זיך ביי איר, פאַר קיינעם געדאַכט, אין קימ-פעט געפּעלט, איז ווידער אין טראָגן פאַרגאַנגען. רעשט דערמיט דאס שטעטל און ישראל אברהם איז מלא גדולה!

„איצטער וועט שוין דער סאַדאַגורטשיק פאַלן כורעים!״

וכך הוה:

„אז די צייט האָט זיך דערנענטערט, איז מענדל געווען אין א גרויסער מצודה און ניט געוווסט זיך צו אייגענען, קיין ראָט צו געבן, קיין וויזשניץ פאָרן איז אים ניט ניחא. ער איז פון דאָרטן אָפּגעריסן און איז ביים הייגטיקן רבין — ר׳ ברוך׳ל — קיין איינ-

ציק מאָל ניט געווען. — ניט פאָרן, איז איינגעשטעלט, טאָמער חלילה...

קיין סאדאגורע ציט אים מיט מאַגנעטן, האָט ער אָבער מורא די שעה זאָל, חלילה, ניט זיין... וועט ער עס זיך דאָך קיינמאָל ניט קענען מוחל זיין. — ישראל אברהם'ן די ליב אָנטאָן, וואָלט ער אויך ניט געוואָלט — פדיונן בעדאַרף מען נאָך פאר דעם „האָבן" און די צייט טוט זיך אירס, לויפט.

ישראל אברהם קלינגט אויף אלע גלעקער, הערט ניט אויף רעדן פון זיינע פאָרעכצער צום אַלטן ז"ל מיט מענדלן אינאיינעם. דערציילן, וואָס פאַר אַ פאַרברענטער יענער איז דאָס אמאָל גע-ווען; און היינט, רחמנא לצלן, דאָס וואַסער ביים האַלז און ער, גלייך ניט אים מיינט מען.

איז מענדל ביז גאָר באצערט און צובראָכן פאַר יסורים!

זיצט ער אמאָל שפעט ביינאַכט, איינער אליין, אין קלויז איבערן צעעפנטן ספר, צובייסנדיק דעם שפיץ פון דער פאַרלאָ-שענער, פאַרקילטער פייקע, און שלינגט אין זיך די ביטערע שפיי-עכצער אריין. דער מוח דרייט זיך ביי אים און זיינע בליקן וואַנ-דערן צוטראָגן. די שווערע שעה קאָן יעדן אויגן-בליק אָנקומען און ער איז נאָך מיט זיך ניט פארטיק, האָט ביי זיך נאָך אַלץ ניט גע-פועלט, וואָס פאַר אַ דרך צו נעמען.

אויף דער מזרח-וואַנט ביקן זיך אַפאָר שאַטנדלעך פון צאַנ-

סענדיקע ליכטער. וואָס ווייזען, איינציקווייז, אויס די לעצטע׳ חלב׳נע טרערן, און פאַרגייען.

פאַר דער גאַנצער צייט, פון זינט זי איז מעוברת, פלאָנטערט זיך עפּיס אין זיין זכרון און ער וויל וועגן דעם ניט טראַכטן. ס׳איז אַ געשעעניש מיט יאָרן אַסך צוריק, בעת ער מיט ישראל אברהם׳ן אינאיינעם, זיינען נאָך געווען ביי דער גוראַלניע. דער געדאַנק פּלאָגט אים, גיט אים קיין רו ניט, נאָר ער רייסט אים אַלץ איבער און לאָזט אים אין זיין דמיון זיך ניט אויסהאַפּטן. פון זינט אָבער ער איז היינטיקן אָוונט דאָ אַליין געבליבן, קאָן ער עס מער ניט מבטל זיין, ווי אַ יריעה צוויקעלט עס זיך פאַר אים און ווייזט אים אות באות:

אין אַ ווינטערדיקן דאָנערשטיק, שפּעט ביינאַכט אַכאָל, וועקט זיי דער שאָפער מיט דער ידועה, אַז אין שטאַל איז אַן אומגליק, צוויי אָקסן זיינען פּלוצים אוועקגעפאַלן און די סכנה איז גרויס, די גאַנ- צע שטאַל, מיט די איבעריגע הונדערט אָקסן, זאָל זיך פונם חלאת ניט אָנצינדן. זיינען ביידע, ער און ישראל אברהם, אַנטלאָפן צום בעל- הבית, אויפגעוועקט אים פונם שלאָף, און איבער געגעבן די שלעכטע בשורה. האָט ער אויף דער רגע באַפוילן, שפּאַנען פייערדיקע פערד אין זאַלוביק אַריין, און איז מיט זיי אינאיינעם אַוועק קיין ווישניק.

אין דרויסן איז חושך, די זאַווערוכע שמייסט מיט שנייענע בערג און דרייט די ערד, ווי יאָגנדיקע רעדער. ס׳איז ערב שבת

און פאָרן דארף מען אן ערך פון היפשע עטליכע מיילן. טרייבט מען די פערד אויף,אומצוקומען.—

אָנגעקומען זיינען זיי מיט דער נאכט גלייך, קוים נאָך צייט געהאט, אין די בגדי׳ שבת זיך צו פארבייטן און צו לויפן אין הויף אריין.

פון ווייטנס הערט זיך שוין דאָס ברומען פונם סאלאש, ווי דאס זידן אין א קעסל.

דער רבי זאָגט הודו און צעעפנט די הימלען.

...און ווי זיי באווייזן זיך נאָר אויף דער שוועל פון דער קלויז, שוועבט ער איבער דעם גאנצן עולם צו זיי צו, טוט די הענט א הייב, ווי א מלאך זיינע פליגל, און אויף זיין דבקותדיקן נוסח ציילט ער סקלאדנע פאר זיי אויס:

„ובהמתם — (אוי) — לא ימעיט״...

מענדלען האט עס איבערן לייב א גרויל געטאן. פון דער באנק האט ער זיך אויפגעריסן און איז אוועק — אוועק גלייך צו ישראל אברהם׳ן.

סמיכה

פאַרצײַטנס איז בײַ חסידים געווען אַ מנהג, אַז אַ רבי איז נפטר געוואָרן, זײַנען זײַנע זון געפאָרן נאָך סמיכה צום עלצטן צדיק פונם דור.

אַ יונגערמאַנטשיק — אַ רביש אייניקל — וואָס האָט געוואָלט ממלא מקום זײַן, איז אַמאָל געקומען צו רבי יוחנצי ראכמעסטריווקער נאָך סמיכה. זער ראוי דערצו איז ער ניט געווען. ער וויל אָבער! ער איז דאָך א מיוחס — אַן אייניקל!

ר׳ יוחנצי איז געווען אַן איש תם, אויסגעטאָן אינגאַנצן פון דער וועלט. חסידים זאָגן אַמאָל צו אים: „רבי! — די וועלט האַלט איך פאַר דעם גילגול פון רבי יוחנן בן זכאי!"

נו, — וואס איז אַ זוינס דער חידוש? יוחנן הייס איך און אַ בן זכאי בין איך, פאַרענפערט ער זיך תמימותדיק.

„די ווילסט, הייסט עס, זײַן אַ רבי? פרעגט ר׳ יוחנצי דאָס אייניקל דורכדרינגענדיק אים מיט די אויגן. בעדאַרף מען דאָך זאָגן תורה! „געדענקסטו, זון מײַנער, די גמרא?" „אויב א רבי איז געגליכן צון א מלאך פון גאָט, מעג ער פארשפרייטן תורה צווישן פאָלק ישראל.

און דו ?

דאָס איינעקל בלייבט צושראָקן און פאַרשטומט,
ר׳ יוחנצי וואַרט אַ ווײַלע און זיפצט טיף אָפּ.
„מילא, דו ווילסט דאָך אָבער פאָרט !
ווייסטו כאָטש דעם באַטייט ? :
„רביס און חסידים זיינען שותפים, אזוי ווי יששכר און זבולן זיי־נען געווען. זבולן האָט געהאַנדלט און יששכר געלערנט תורה, און אין דעם זכות איז ביי זיי געווען שפע און ברכה.
„ווּעסטו דען לערנען ?״
דאָס אייניקל פאַרציט ניט מיט קיין מינע און שווייגט.
„קומט אַ ייד צום רבין מיט אַ קוויטל, סטייטש ! יצחק בן שׂרה, האָט קיין פרנסה ניט, לייגט צו אַ קערבל אויף און טראַכט ביי זיך : „שעם דיך רביניו, דערפאַר, וואָס דו לערנסט קיין תורה ניט האָב איך קיין פרנסה ניט.״
„וואָס ענפערט מען ? —
געדענקושע כאַטש ! צובייזערט זיך ר׳ יוחנצו, אונטערטראָגנדיק זיך פון זיין שטול :
„אויב אַ ייד וועט צו דיר קומען מיט אַ בקשה, זאָל עס דיך — על כל פנים — אַזוי שטעכן און ברעכן ווי אים, וואָס נויטיקט זיך, נעבעך, אין דער בקשה.

דאס אנטפלעקן פון ר׳ יהודה הערש סטרעטענער

ר׳ יהודה הערש סטרעטענער, אז ער פלעגט זאָגן „ברוך שאמר", זיינען סטאַדעס טויבן און פייגל זיך צונויפגעפלויגן און׳ מיט פרום אָנגעבויגענע קעפלעך׳ געשוועבט איבערן בית־המדרש, ווי אַ צושפרייטע חופּה׳

בעת זיינע תפילות האָבן זיך געצויגן צו די הימלען, זיינען דאָרט מלאכים געשטאַנען אין וואַרעס, ארויפגעקליבן יעדעס וואָרט אויף די פליגל און געטראָגן גלייך צום כסא הכבוד׳

די תפילות זיינען ביי אים ניט געגאַנגען שטורמיש, רעשנדיק! אַן איינגעצווונגען דביקות האָט אין זיי געזאָטן, אַן איינגעדושעט פייער אין זיי געגליעט; נאָר דאָס דממה־דקהדיקע קול, אויף וועלכס די תפילות האָבן זיך געטראָגן, האָט די אברים צושרויפט, דאָס האַרץ פון אַן אכזר שוואַך געמאַכט׳ און השם־יתברך איז דאָך אַ רחום וחנון!

איידער ר׳ יהודה הערש סטרעטענער איז נתגלה געוואָרן׳

פלעגט ער איבערזיצן אין ליזשענסק, און זיך גליען אין התעוררות פון רבי אלימלך׳ס „עבודת הבורא״. רופט אים אין אַ טאָג אַזוי דער רבי אלימלך אַריין צו זיך אין יחוד שטיבל און הייסט אים, אָן אַשום פּרוש, זיך איבערקוקן די „דינים פון שחיטה.

ביי ר׳ יהודה הערשן האָט דאָס האַרץ אַזעץ געטאָן, ווי ווען אַ בייזער געדאַנק באַפאַלט, נאָר אַז דער רבי פאַרלאַנגט — — —

פאַרגייט ניט קיין גאַנצע וואָך, אַז דער רבי אלימלך רופט אים ווידעראַמאָל צו זיך, פרעגט אים אויס ווי ער האַלט אין לימוד און הייסט אים מאַקי שוין אַריינגען צו זיין שוחט ר׳ הענזלי, זיך לערנען אָפּשטעלן אַ חלף. זעט דאָך שוין ר׳ יהודה הערש בולט ארויס, אַז דאָס מיינט ער אים מאַכן פאַר א שוחט. ווערט ער פאַרציטערט, פאַרכאַפּט פון שרעק, און צום וואָרט קומט ער ניט: דער רבי האָט זיך אין זיינע מחשבות פאַרטראָגן אין אַנ־דערע וועלטן.

ר׳ יהודה הערש איז אַ רך לבֿ. קאָן אפילו נישט צוקוקן ווי מען שעכט אַן עוף.

ערב יום כפור, אַז דער שוחט איז אים מהנה, דאָס בלוט פון זיין אייגענער כפרה מכסה צו זיין, קומט אים די מצוה אָן מיט צער פון אַ גרויסן נסיון. ניט צו פאַרזינדיקן! נאָך גאָר אַליין באַ־דאַרפן נעמען דעם חלף אין די הענט אַריין? טראָגט ער זיך אַ־רום מיט אַ צובראָכן געמיט און וואַרט אויף אַ עת רצון. דעם

ענין מיטן רבין, נאָכאַמאָל איבערצורעדן. נאָר אויפן אַנדערן טאָג, כאור, רופט דער רבי אלימלך אים צום דריטן מאָל.

ווי ר׳ יהודה הערש באַווייזט זיך נאָר אויף זיין טיר, שפרינגט ער אויף פון דער שטיל מיט כעס און שרייט:

דו באַדאַרפסט דיך נאָך באַטראַכטן? דו ווילסט גאָר נישט? — אויף נשמות, וואָס וואָגלען אין גופים פון עופות און בהמות, איז קיין רחמנות ניט? — זיי וועלן קיין תיקון ניט האָבן, סיידן דו וועסט זיי ממלא זיין מיט דיין צער, מיט דיין פיין צוליב דער שחיטה, — העלפט דאָך קיין טענות ניט!

פאַר ר׳ יהודה הערשן האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן פון גלות און יסורים. קצבים און בעלי בתים געבן אים קיין מנוחה ניט און לאָזן אים לאַנג אויף קיין אָרט ניט פאַרבלייבן. זיי זיינען מיט זייַנע אומבאַגרייפליכע, עקשנותדיקע התנהגותן ניט מסכים. אַגב מען האָט פאַר אים גרויס אָבשיי!

אַן איש פלא.

מען זעט פון אים אויסטערלישע מעשים: די בהמה, אַז ער טוט פאַר איר נאָר אַ גלאַנץ מיטן חלף, צולייגט זי זיך, ווי צור רו, און שטרעקט אַליין דעם האַלז צור שחיטה. וואָלט דאָס אפשר גובר געווען!

איז דאָך אָבער דער בעל דבר אויך אינמיטן.

סתם, לשם אכילה, שחט ר׳ יהודה הערש ניט. אויב סתם

אַ בהמה, וואָס באַדאַרף קיין תקון ניט, ווייל ער איז בלויז ניט פאַרגיסן — אַ צער בעל החיים! זיין צוועק איז גילגולים אויס־צולייזן, פאַרוואָרפענע נשמות פון זייער געפענקעניש צו באַפרייען. און בעת ער שאַרפט זיין חלף, באַנעצנדיק דאָס שטיינדל מיט זיי־נע הייסע, זיך גיסנדיקע טרערן, באַקומט ער דעם רשות — דורך אַ ווינק פון אויבן: דער שם־הויה טוט אַ בליץ אויף דער שאַרף.

מאַכט זיך אַמאָל אַן ערב שבת, אַן ערב יום־טוב, קצבים רייסן ביי אים איין די טיר און ער זעט דעם ליכטיקן צייכן ניט — דעם שם. בעט ער זיך ביי זיי צו וואַרטן, געדולדיק צו זיין, אולי, אפשר שפּעטער, טראַכט ער, און ווייזט מיט די ציטריקע הענט צום הימל.

קענען דאָך קצבים אים ניט משיג זיין! מיינען ס'איז ביי אים משוגעת, בלויז איינגעשפּאַרטקייט, פאַלן זיי אים אָן מיט בזיונות, געוואַלדן און האָבן אויף אים חשד: באשר, דערפאַר, וואָס ער אַליין עסט ניט פון דבר מן החי, נאָר אַ ביסן, לשם יוצא זיין, אַרט אים ניט, זיי צו שעדיקן. בלייבט ר' יהודה הערש פאַרצערט, מלא יסורים, און קען זיי ניט העלפן.

ווידער טרעפט זיך אַ מעשה: אַ בהמה ווערט טריפה, און אז מען זוכט שוין, קוים מיט צרות, אָפּ אַ צווייטע, בליצט דער צייכן ניט מער אויף דער שאַרף.

שטעט ר' יהודה הערש אַ צוטומלטער, אַ פאַרחלושטער, באַגלייך

צו זיין אייגענער שחיטה, קוקט און קוקט מיט צושראָקענע אויגן אויף דעם שפּיגל פונם בלאַנקן חלף און וואַרט און האָפט אויף דעם ווונק.

קצבים בעטן, פלוכן, ס'העלפט זיי אָבער ניט. ווי איינגע־וורצלט, פאַרשטיינערט, אָן לעבן, רירט ער מיט קיין אבר ניט.

בעלי בתים, סיי ווי סיי, אויף אים אויפגעטראַכט, דערפאַר, וואָס מען קאָן קיינמאָל קיין שטיקל פלייש צור זעט ניט עסן, שטייען אויך צו. דער בעל־דבר מישט דעם קעסל מיטן אויסרייד: סטייטש לכבוד שבת. — און די בהלה ווערט גרויס. מוז ר' יהודה הערש זיך אַליין פאַרנעמען און ווייטער ציען.

פאַרהאַנען אַ זינדיקע נשמה, וואָס ראַנגעלט און ראַנגעלט זיך און קען זיך צו איר ליכטיקן מקור ניט דערהויבן. זינקט זי טיף און טיפער, ווערט געשליידערט פון גוף צו גוף און פאַרוואָרפן אין נידריגסטן באַשעפעניש.

און אַז זי האָט שוין דעם זכות מגילגול צו ווערן אין דער גע־שטאַלט פון א בהמה טהורה, איז איר דאָך אויך פינצטער ביז גאָר.

וואָרן פאָרט אַ בהמה! וואָס פאַר אַ מעשים באַשיינען זי? לאָזט זי אָבער דער שׂטן נאָך אַלץ ניט פון די קלעמקעס אַרויס. ער וויל די נשמה ניט לאָזן זיך אויסלייזן, צורוקפליען צו איר ניצוץ.

צורייצט ער אין דער בהמה תאוות צו שלעכטע קרייטעכצער אויף

דער פּאַשע, אָדער פון פוילע וואַסערן צו טרינקען, וואָס פאַר־דאַרבן זי. פאַלט זי אַוועק אַ נבלה, נאָך איידער ס'איז בײַד, צו געבן דער נשמה דעם ,תיקון' דורך דער ברכה, בשעת שחיטה.

פאַלט אַמאָל אַריין צו ר' יהודה הערשן אין שטוב אַריין, אַ קצב, טויט און בלאַס, און דער אָטעם איז בײַ אים אַזוי פאַרהאַקט, אַז ער קען קוים, די עטליכע ווערטער אַרויס שטאַמלען:

האָט גאָט אין האַרץ: — אַ מסוכנת! — וועט נאָך פאַרלייגן פאַר דער שחיטה! —

טוט ר' יהודה הערש אַ קוק אויפן חלף און דער צייכן בליצט. פאַרשטייט ער אַז דער שׂטן וויל דאָ דעם וועג פאַרלויפן. יאָגט ער אַוועק, ווי אַ פייל, און טרעפט צור רגע, וואָרן אַט, אָט וואָלט געווען צו שפּעט.

די בהמה אָבער איז אַ טריפה; און דער קצב, אָנגעצונדן מיט גזלנישער רציחה, כאַפּט צו אים די האַק. ר' יהודה הערש אַנטלויפט, דער קצב מיט דער האַק נאָך אים.

ס'טראָגט אים ווי אין ווינט, און ער ווייסט ניט וויאַהין. הילות גזלנים, ווייזט זיך אים אויס, יאָגן אונטער אים; און אי־בער זיין קאָפּ וואַיען קולות פון חיות און בהמות מיט אַזויגע בײַ־טערע, שרעקליכע יללות, וואָס רייסן אָפּ דאָס האַרץ. ער יאָגט און יאָגט, זעט קיין סוף ניט, און זיין כח האַלט אים באַלד ניט אויס. פּלוצים דערזעט ער זיך אין ליזשענסק.

און דער רבי אלמלך, פאַרגאָסן מיט פרייד, לויפט אים אַליין אַקעגן, רופענדיק איבער דער גאַס:

געַנוג, גענוג שוין! יידן, לעבעדיקע נפשות, קוקן אויף דיר אַרויס! וואַרטן די זאָלסט מיט דיינע תפילות אויף זיי מגין זיין, אויפהויבן זייער מזל! אויפהויבן...

צום טאָג פון מיין מאַמעס יאָרצייט כ"א שבט.
די לעגענדע וועגן איר זיידן.

וועגן טעכנישע סיבות און שוועריקייטן קומען אויף פאַרשיידענע ערטער פּאָר, וואָרט־ און אונטערפּונקטציע גרייזן. מיר שטרייכן אונטער דאָס וויכטיקסטע:

זייט	שורה	צו ליינען	אנשטאָט
10	4	ר׳ מענדעלע,	ער
12	4	אַרויפּבריינגען,	אראפּבריינגען
20	5	קאָמאַ נאָך געפאַלן	
22	12	„ ” חסידים	
30	11	שלעפּערדיק,	שלעפּערדיקע
30	12	טיש איז באַלאָדן	שיט באלאדן
30	13	, און וויינען	. וויינען
33	16	קאָמאַ נאָך גאַרטל	
49	21	קרייזלט	קריזל
66	3	פאַרלאָטעט	פאַרפלאָנטעט
66	14	לויפן	ליפן
68	5	פאָכעט	פאָרעט
69	19	באָכניער	באָרניער
73	1	קאָמאַ נאָך היים	
76	1	ביי די	ביעדי
80	6	אָך אַ גליק!	
80	6	א גרויס גליק קומט אויף דער אנדערער שורה.	
84	3	מתקנא	מתקנה

אינהאלט

	זייט
אויפן וועג	9
אין אַ נאַכט	16
ביים טיש	18
דער בן יחיד	20
די עקרה	26
פורים	30
ר׳ מרדכילע נאַדווערנער	35
בעלץ	39
מיקיטאַ	46
די סטרעליסקער	53
דער פּאַלאַץ	57
אין שיניעווע	66
דער מעזיניק	72
עניוות	77
צוויי קוויטלעך	82
חבלי לידה	87
סמיכה	93
דאָס אַנטפּלעקן פון ר׳ יהודה הערש סטרעטינער	95

Tip. „LIBRO" Bucureşti, Epureanu 22.